DER OYFGANG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.



זאמעלבוך.

ISBN:0-657-12765-5 01-429


פערלאג: לאזאר זאהא:

1921 —תרפ"א

דער אויפגאנג

ליטעראַרישער זאַמעלבוך.

אינהאַלט:



פערלאַג
לאַזאַר קאַהאַן.

לאָדז, 1921.

לעצקי-בערטאלדי.

ערדגייסט-מאטיוון.

„כל מה שקרוב יותר לזמן הגאולה, מתקרב יותר ביטול הקציצות". (של"ה).

נעהנטער צו משיח'ס צייטען איז נישט שייך קיין אפיקורסות.

דער מקובל און דער רב.

(א היסטארישער ווכוח).

דער מקובל: וואס בעשערט איז געקומען, און וואס ער האט אין אנהויב פערטראכט, איז אצינד געשעהן. דער ערב שבת-קודש איז שוין נאהנט. ער ווינקט צו אונז. מען מוז זיך גרייטען און איהם ענטקעגענען גהן. יא, איך זעה איהם: מיט רמזים איז פול די וועלט. הלואי זאל נאר דער דור זוכה זיין צו דער-לעבען דעם אייביגען שבת... נאר אוועק פון אונז די מרה-שחורה פון דער לאנגער פינסטערער וואך. די מאס איז פער-פולט און די צייט האט זיך געענדיגט. יא, איך פיהל שוין מיט אלע מיינע אברים דעם עונג שבת: מיין פאלק שטעהט אויף פון יאמער-טאל און מיט דער פערוואנלטער שכינה צוגלייך ווערען מיר אויסגעלייזט אצינד...

דער רב: גלויב און האף און קוק אויס אויף איהם, דען צוליב דעם זענען מיר געבוירען. אבער פערשוועך נישט דעם כבוד פון גאט און צערייס נישט דעם שלייער פון דער צוקונפט. וויל נישט דערנעהנטערן דעם קץ, דעם לעצטען טאג פון אלע

טענה: ס'איז אַ נסיון און אַ זינד ענטקעגנען דעם רבונו של עולם, וואָס ענטפּלעקט נישט זיינע סודות פֿאַר די בעשאַפֿענע פֿון שטויב און פֿון אש...

דער מקובל: וועה צו יענע, וואָס קענען נישט וועלען... איז דאָך די אמת'ע זינד — ארומצוגעהן אזוי פֿיל יאָהרען מיט'ן אני מאמין פֿון דער גאולה אויף די ליפּען און נישט צו האָבען איהם אין האַרצען... דו ווייסט זיך נישט דערוועגען פּרובען די כּחות פֿונ'ם וועלט-בעשעפֿער; דיין נשמה איז אָהן כּחות... דו גלויבסט — איך בענק, דו האַססט — איך וואַרט, דו חלומ'סט — איך זעה... די מתנגדים האַלטען אַז משיח'ן... אָבער ער קומט, ער מוז קומען, זאָל נאָר דער דור זיין ראוי דערצו...

דער רבּ: דיין בענקשאַפֿט איז אומריין — און דיין זעהן איז נאָר אַ דמיון... די זינד לענערט ביי דער טיר, מיט רשעים איז פֿול די וועלט און דו זעהסט איהם קומען...

דער מקובל: אָבער ער האָט אונז אויסגעלייזט מיט זיינע ליידען, און זיינע יסורים זענען אַ כּפּרה פֿאַר אונזערע זינד — מיט זיין גלות-אָפּריכטען האָט ער שוין גובר געווען אונזער גלות און מיט אונזער בענקשאַפֿט וועלען מיר איהם צוציהען צו זיך... קיין כּופֿרים און מתנגדים טאָרען נישט פֿערפּלייבען צווישען אונז, מען טאָר נישט איבערקלערען און מען טאָר קיין נסים נישט פֿאָדערן... מיט'ן זכות פֿון אונזער בענקשאַפֿט וועט צו אונז קומען אַצינד די ישועה, וואָס מיר האָבען אויסגעקוקט אויף איהר אזוי פֿיל הונדערטער יאָהרען. צי זעהסטו נישט, אַז די וועלט איז פֿול מיט רמזים?

דער רבּ: דו לעבסט אין עולם התהו... אין דמיון זעהסטו די גאולה, בעת יודיש בלוט גיסט זיך ווי וואַסער און ווערט אויסגעמישט מיט'ן שטויב פֿון די גאַסען. הער זיך צו, מקובל, צו די יודישע וועה-געשרייען, וואָס טראָגען זיך פֿון דער פּויליש-קאָזאַקישער ערד. דעמאָלט וועט דיין נשמה פֿערציטערט ווערען, און דו וועסט זיך נישט דערוועגען מיט פֿאַלשער נביאות פֿאַלשען טרייסט צו געבען...

דער מקובל: אָ, בלינדער בעל-רחמנות! דאָס זענען דאָך די וועה-טאָגען פֿון דער וועלט, וואָס דאַרף געוועגען דעם מלך המשיח!... וואָס מעהר ליידען — אלץ זיכערער די גאולה, וואָס פֿינסטערער

די ערד, אַלץ ליכטיגער דער הימעל... ווער ס'וועט פערלענגערט ווערען פאַ'ם שווערט און ווער ס'וועט אויסגעהן פון הונגער–דאָס ווענען דאָך די וועהטאָגען פון משיח'ס צייטען, דער סימן פאַר זיין קומען. און נאָך אַלע ליידען, נאָך דער שווערט, דעם הונגער און נאָך דער מגפה וועט נאָך זיך דערבאַרימען, וועט אַראָבנעהמען צו דער ערד דעם בית־המקדש, וואָס איז גרייט פאַר אונז אין הימעל. און דער שארית יעקב וועט אויסגעלייזט ווערען... אַ. איך זעה עס בעשיינפערליך. די טויטע ביינער וועלען נאָך אויפלעבען...

דער רב: דו זעהסט משיח'ן און נישט די קייטען, וואָס האַלטען איהם געשמידט... ווער קאָן וויסען, ווען ער וועט זיי קאָנען צורייסען... אונזערע זינד שוואַכען אָב זיינע כחות...

דער מקובל: ס'איז געגליכען מיין געליבטער צום הירש–לייכט און גיך איז ער גובר אַלע בערג און בערגלעך און ברענגט פאַר אונז די ישועה... איהם דריקט נישט קיין זינד און ער ווייסט נישט פון קיין טרה־שחורה... ער איז מבטל די תעניתים און קומט צו אונז, פערבענקטע און געחלש׳טע, ווי דער אייביגער יום־טוב...

דער רב: געווען ביי אונז אַ מאָל נביאים און טרייסטער, געווען אַ מאָל הכמים–זעהר, נאָר אַנדערע דורות... אַצינד ווער וועט און ווער טאָר דיר גלויבען?...

דער מקובל: דאָס נישט, אַז ס'איז אינגאַנצען נעלם געוואָרען די חכמה פון אונזערע חכמים. נאָט ענטפלעקט דעם טאָג, וואָס ער האָט איהם פערדעקט און ער וועהלט זיך אוים אַ צווייטען מאָל זיין אתה־בחרתנו־פאָלק. די יודישע נבואה און דאָס יודישע מלכות בעגייען זיך אַצינד...

נאָר עס בעגייט זיך נישט דיין אויג, און עס ענטפלעקט דיר נאָרנישט דיין איינענער בליק: אויף הינטערהיילעכטס זעגען זי געוועזן... דו, רב, גלויבסט נאָר אין די אַמאָליגע צייטען. די האָסט נישט קיין שום בשורה פאַר אונזער צוקונפט, ווייל ביי דיר איז קיין איצט נישטאָ: דו גלויבסט, אַז אַלצדינג איז ביי אונז געווען, און אַלצדינג איז ביי אונז געשעהן, אָבער וואָס איז ביי אונז פאַרהאַן? וואָסערע האָפנונגען האָסטו אונז?... אונזער גוף איז פערמאַטערט, אונזער נשמה פערבענקט און אונזער גייסט רופט צו דיר: זאָג אונז, וואָס וועט

זײַן? װאָס װעט מיט אונז געשעהן?.. דו שװײַגסט?.. צי טאָר
מען זיך אָבזאָגען פון גרײַטען דעם שבת, פון העלפען דער
צוקונפט?..

דער רב: די ערשטע דורות האָבען געזעהן די לעצטע טעג, און
איך גלויב זײ ... צאַם אײַן די תאוה פון דײַן גײַסט: עס טאָר
אונז ניט גלוסטען צו דעם, װאָס אַ מאָל איז געװען ...

דער מקובל: אַמאָל געװען, זאָגסטו?.. אָבער װאָס ניסטו
איצט?.. מיט װאָס װילסטו הײלען אונזערע איצטיגע
װאונדען?.. צי קאָן מען פון זיך אראָבװאַרפען די אחריות
פאַר'ן הײַנט? צי איז נישט אונזער אלעמענס חוב — פערי
ענטפערען נאָט אין זײַן װעלט?.. דער אַמאָל אָהן דעם איצט
איז אַ בנין פון לופט, אַ געדאַנק פון אַ װינד־היטער, אַ פאַרי
בײַגעפלױגענער שאָטען... דו גלױבסט, דו האָסט אַ שײנע
כונה — אָבער װאָס טוסטו?.. דײַן גלאַנצענדיגער עבר
בלײַבט אָהן פרוכטען, רען עס פעהלען אין דײַן קבלה די
מעשים ...

דער רב: װיפיל גאוה אין דײַן קבלה־מעשית! דו פערמעסט זיך
צופיל, דו קאָנסט די אױבען פערבלענדען און פערשװעכען נאָך
חס־וחלילה דעם נאָמען, װאָס ס'האָבען איהם געהײליגט מיט
זײער לעבען און מיט זײער טויט אונזערע אַמאָליגע גדולים...

דער מקובל: אַמאָליגע גדולים!.. צי איז נישט אונזער חוב זײ
נאָכצוטון און מיט הײליגען מוט זיך לאָזען געהן צום שפיץ
פון באַרג?.. װי לאַנג נאָך װעלען מיר, אָבשװאַכענדיג אונזערע
כחות, מעלה גרה זײַן אונזער עבר? ער מוז זיך דאָך אַמאָל
אױסשעפּען? מיט װאָס װעלען מיר שפּײַזען דעם הונגעריגען
אין דער װיסטעניש פון אונזער הײַנט?... שװער צו זײַן אַ
יורש, שװער צו טראָגען די אחריות פאַר דער גרױסער ירושה...
מיט װאָס װעגען מיר איצט יוצא פאַר אונזער אַמאָל? צי קאָן
מען דען פערבלײַבען אײביגע יורשים? װאו איז אונזער אײגענע
צוואה פאַר די קומענדיגע דורות?... אָך, טרוקענע די מוחות
און פערשטײנערט די הערצער און מען לערנט מיט דער
אײנציגער תפלה פון בעטלער, אז זכות אבות זאָל בײַשטעהן!...

דער רב: מיר זענען אָבגעהיט, מיר װײסען: נישט פאַר אונזער
דור איז די צײַט און נישט אין חוץ־לארץ איז די ערד פאַר
נײַע הײליגע געשעהענישען...

דער מקובל: אבער וואו זענען די מעשי בראשית פון יעדען טאג? דו וועסט זיי נישט, רב? ביסטו דאך דער אמת'ער כופר... נאר דאס פאלק איז געגען דיר, עס געהט מיט אונז — עס גלויבט דאס פאלק, עס ווייל אונז גלויבען, און דו, רב, ביסט פערבליבען עלענד, אליין, ווי א פערגעסענער וואנג אויף אנ'אפגעשניטען פעלד.—

דער רב: איך בין דיך נישט מקנא פאר דעם המון, וואס לעכצט נאך דיינע הבטחות, פאר דעם עם־הארצישען ערב־רב, וואס לויפט דיר נאך, פערפיהרט פון דיינע רייד...

דער מקובל: דאס זענען דאך די ארימע פון מיין פאלק... זיי זוכען ביי איהם הילף... מיט דיר זענען די גבירים — מיט מיר די ארימע לייט, מיט דיר די זאטע — מיט מיר די הונגעריגע, מיט דיר די צופרידענע — מיט מיר די אומגליקליכע. דער צופרידענער נויטיגט זיך נישט אין דער גאולה, פאר איהם איז גענוג דער גלויבען, ער פאדערט נישט דעם אמת, עס קלעקט פאר איהם דער חלום, די שפיל פון דער פאנטאזיע. פאר'ן גביר לעבט דער רב, דער מאמין; פאר'ן המון — דער מקובל, דער בעל מעשה. די לייזענדיגע ווילען זעהן מיט זייערע חושים. וואס קאנען זיי טון מיט דער גאולה פון אייער אני מאמין, בלייבט זי דאך דארטען נישט מעהר ווי א רעיון, נישט מעהר ווי א דמיון...

דער רב: מיר גלויבען און מיר טוען תפלה. עס מוז העלפען א תפלה פון דורות...

דער מקובל: איהר טוט, אמת, תפלה, אבער פאר וועמען? אזוי פיל דורות בענשען, אזוי פיל דורות בעטען נאט — פאר פרעמדע מלכים... שוין לאנג צייט געווען א טראכט צו טון, צי האלט דאס נישט אב די גאולה... ווהענדיג אונזערע הענד, טוי הויבען צום הימעל פאר פרעמדע מלכים, צי מוז נישט דער גוטי תשועה אין צער פערבלייבען צוליב דער אייביגער תפלה פון קנעכטשאפט? ווען וועט איהר שוין העלפען בענטשען דאס יודישע מלכות? ווען וועט איהר שוין בעטען די תפלה פון גלות?...

דער רב: מיר ווארטען אויף א סמן פון אנ'אמת'ן נביא און פון אנ'אמת'ן מלך. שוין נישט איינמאל געקומען צו אונז כלומר'שטע נביאים און כלומר'שטע משיחים: מיר האבען זיי, די

זינדיגע, פון אונזער מחנה פערטריבענע, מיר האבען די פער־
פיהרער פון קהל פערשטויסען, מיר זענען געבליבען טריי צו
זיך אליין...

דער מקובל: אי און וועה צו קהל!

איך הער די טריט פון פערטריבענע, דעם קרעכץ פון פער־
בלאנדזשעטע... א וועה־געשריי איבער אונזערע פערלוירענע כחות
דערגעהט צו מיר פון ווייטע און נאהנטע דורות: דאס קלאגט
און יאמערט די שכינה איבער די אבגעשניטענע גלידער. חער נישט
דערוואקסען און ווער דערשטיקט, ווער נישט דערגאנגען און ווער
דעם וועג פערלוירען... און עס דערגרייכט צו מיין אויער א בת־קול
פון אונזער געשיכטע, דער שופר פון משיח: „די ליבע פערדעקט
אלע זינד"... פון די טיפעניש'ען פון מיין הארצען רוף איך צו
אונזערע פערטריבענע און פערוואגעלטע, איך וויל מיך בע־
האפטען מיט זיי: בין איך דאך ביין פון זייער ביין, פון גאולה —
בענקשאפט זענען מיר אלע געבוירען. די ישועה איז נאך
ווייט פון זייער צייט געווען, און די קינדער פון דער גאולה־
בענקשאפט זענען מיט צער און צארן אוועק פון דער מוטער,
וואס האט זיי געוואונען... נאר אצינד, בעת מיר ווערען אויס־
געלייזט, קומט א סוף צום צארן און צו דער שנאה, א סוף צו
דעם אומעט, די שמחה מאכט ברייטער דאס הארץ. און איך
טערק שוין, ווי עס טוליען זיך צו מיר אלע גאולה־פערבענקטע
נשמות פון ישו הנצרי ביז אונזערע צייטען, אלע ישועה־
אנזאגער און „פאלשע" משיחים, וואס אונזער אומעט האט
זיי פערטריבען... א, איך פיהל, עס שפראצט א נייע לע־
בען אין מיר. געבענשט איז מיין לייב, נאר ווי אמאל, מיט א
שטארקער געהויבענער אמונה, מיין ליכטיגקייט האט זיך צו
מיר אומגעקעהרט. איך שטעה אויף און וועל שיינען איבער
א נייעם פאר דער וועלט. איך בין ווידער אנ׳אנהויב!...

דער רבי: נאר דו וועסט ענדיגען אין שמד!...

י. דאבּרושין:

א ו י ג - ל י ד.

שלאָף מײַן קינד, מײַן נשמה װײַסע,
כ'װעל דערצעהלען דיר אַ מעשה,
אַ געשיכטע נישט דערצעהלטע —
שלאָף, מײַן אײביגע דערװעהלטע.

ס'איז געװען אזא פּרינצעסין,
װעמען ס'האָט דער גאָט פֿערגעסען,
װעמען ס'האָט דאָס שענע לעבען
נאָך קײן ליבּע נישט געגעבען.
נעהט די בת־מלכה ארומעט,
פֿערבּעהאַלט אין אױג אנ'אומעט,
אױגען צװײ — הערבּסט־שטערן קאַלטע —
שלאָף, מײַן זונינע, פֿערשטראַהלטע.

האָט געלעבט אין לאַנד אַ דיכטער,
דער װעלט'ס אורח אומגעריכטער,
װעלכען גאָט שיקט אזױ זעלטען
פון דער װעלט נאָך טרױמען װעלטען.

בלאָנדזשעט דיכטעריש ער אַרומעט,
זוכט דער מעלטים בעהאַלטען אומעט,
זוכט די אױגען, די הערבסט־צאַרטע,
שלאָף, מײַן צישטערינ־נענאַרטע.

און זײ האָבען זיך געטראָפען,
ס'האָט די װעלט דעמאָלט געשלאָפען,
נאָר די אַלטע נאַכט האָט גערן
שטיל געשפּראָכען אױף די שטערן
מיט אַ פּשוּט אַזאַ שװאַרצען
אָנגעצונדען טיף אין האַרצען
בענקשאַפט־פלעמעלעך אַזױנע —
שלאָף, מײַן ליכטינ־ריינסטע רײנע.

און דער סוף איז אַ בעװאוסטער:
ס'האָט דער דיכטער הײם געקושטער
פון זײַן װעלט דעם טרױם געפונען,
טרױמען — מעשה'לעך געשפּונען,
דיר געבראַכט זײַן ערשטע מעשה —
שלאָף, מײַן זױבערע, מײַן װײַסע...

* . *

פרײַנדט, —
װי קום איך פּיהלען דעם שפּראַצען
פון דײַן קוים־געבױרענעם רצון,
דעם פערלאַנג, װאָס האָט זיך צישטרינ־לײַכט
אין דײַן טיפקײַט נאָר אַדורכגעשלײַכט?
פרײַנדט —
װי איז דאָס געשעהן,
װען געקומען די רגע איז די ריכטיגע?
דײַן נשמה איז דאָך אַ ליכטיגע —
האָב איך דערזעהן...

* . *

נישט דײַן נשמה־גאָלד קאָנסט מיר שענקען —
כ'בּין רײַך אַזױ.
נישט געבּען װאָלסט מיר דײַן שלאָפלאָזען בּענקען —
צופיל װעה.
אײנמאָל נישט קלער.
מיט דײַן הײסער טרעהר,
מיט דײַן גליהענד נגון
צינדט מיר אָן אַ ליד.
ס'װעלען בּענטשען דיך
די װעלט און דו און אפשר — איך...

מיך עסען שטילע שטילינקע פלאַמען...
קינד, האָב קײן מורא פאַר זײ, גאָרנישט, —
כ'געדענק אויך די תורה פון מײַן מאַמען,
כ'געדענק אויך, װאָס מען טאָר נישט.
װי דאָ, פאַר'ן אמת האָב איך מורא
פון דורות אַלטע און געהײמע,
כאָטש טויט איז לאַנג שוין די עבירה
און בּינט דער זינדס שוין אַ יתומה...
מיך עסען שטילע שטילינקע פלאַמען...
קינד, האָב קײן מורא פאַר זײ נאָרנישט —
כ'געדענק אויך די תורה פון מײַן מאַמען,
כ'געדענק אויך, װאָס מען טאָר נישט...



צבי הירשקאן.

א צוזאמענשטויס

(פונ'ם בוך „וואנדערער").

... אינ'ם צענטער פון דער יודישער װארשא געפינט זיך עס א פאַ דאס בילד, װאס אגב קיין טוריסט לאזט עס, דאכט זיך, נישט דורך, נישט אנקוקענדיג דאס מיט די אייגענע אויגען:

אין א קליין און אָרעם געסעלע, נעבען די גאלעװקעס צווישען יודישע גאַטאַ-שטיבעלעך, קלויזען און גאַװעלבלעך, האט זיך עפּעס אַנ'אלטער פּאלאץ פערװאלגערט — א רעליקוויע - פּאלאץ. א מעשה דערצעהלט מען, אז דער פּאלאץ האט א מאל צו א מאגנאט געהערט, איז אַז דער מאגנאט נאך גאר יוגנערהייד אומגעקומען אין דער לעצטער פּוילישער „פּאוסטאניע" פונ'ם יאהר 1863, און די יורשים און פריינד האבען בעשלאסען קיינער זאל זיין פּאלאץ נישט בעזעצען, כדי דאס טרויעריגע אבילות זאל זיך נישט אָבטוּן און דער העלדישער אנדענק זיינער זאל נישט פערגעסען װערען, שטעהט ער אזוי יאהרען נאך יאהרען, איינזאם און פערגלעזט עפּעס װי אין פארצייטיגע זכרונות פערטיפט.

און אט דאס בילד, דערהויפּט די דעטאלען, איז עס װירקליך עפּעס אַנ'אינטערעסאנטע בילד: װאס פאר א שייכות האט, דאכט זיך, אט דער שטאלצער און פערטראכטער פּוילישער רעליקוויע-פּאלאץ צו אט די אלע איבעריגע שכנים'שע בנינים'לעך און בעדלעך?

אט קוקט:

א גאנצע שורה פון כמעט חרוב'ע און אָנגעהויקערטע יודישע שטיבעלעך, קלויזען און געװעלבעלעך מיט די דעכער, װאס פערשטעלען כמעט די פענסטערלעך און מיט די פּאה'דיגע יונגלעך אין סאמעטענע קאשקעטעלעך און לאנגע באלאכטעלעך, װאס שפּילען אין קנעפּלעך אוי ביינדלעך פון אויבען אויף די דעכער פון נאך פּסח

ביז'ן טיפען הינטער, און הינטער—אין שניי־מענשעלעך, אין ,ים־הקרח'ס'... און אין דער מיט פונ'ם געסעלע צווישען צוויי אָט אַזוינע שטיבעלעך—אַ גיכעל־געפאַרבטער פּאַרקען, אויסגעשאָלעוועט פון האָריזאָנטאַל־שטעהענדיגע און שמאָלינקע ברעטעלעך, ווי דראַניצעס מיט אויסגעהובעלטע צאָלסים נעפּען די שפּיצען און ערטערחיי אויסגעמאָלטע איקאָנעס און פּאַרצייטיגע פּוילישע קעניגען... אריבער'ן פּאַרקען הענגען אַראָבגעבויגט מיט די אויבערשטע האַלבע גופים צו דער ערד פון געסעלע, אַלטע און צופוילטע סאָסנעס מיט עפּעס ווי מיט די העלזער אין די שפּיציגע ברעטלעך אָנגעשפּאַרט. אין איין גלייכען ראַנד אויסגעשטעלט שטעהען זיי אָט די סאָסנעס איינגעבויגען און אַראָבגעפאַלען און עפּעס ווי בעטראַכטענדיג יעדען פערביינעהער און דורכגעהער.— אָס דאַכט זיך: לאַנגבערדיגע זקנים, געוועזענע רייכע און מיוחסים, וואָס אונטער די פערברעכער פּערשיקט געוואָרען אויסצולעבען זייערע כוח יאָהרען, ערגעץ־וואו אין אַ הויז'ן שטאָדט צווישען ציגיינער און בעטלער, און זיי זיצען פערשטומט און פעראומערט, כאָטש אַ פּנים פון זייערס אַ גלייכען אָנצוקוקען... אין די לויטערע און דורכזיכטיגע מאַרשעהער פריהלינג־נעכט, בעת אויף די נאַסען שוועבט אום דאָס ריינדיגע פּוך פון די בליהענדיגע צווייגען,—בעזעצען זיך דאָ אויף די אויסגעדאַרטע און פליכיגע קעפּ פון אָט די אַלטע סאָסנעס, פּערשידענע פויגעלעך, וואָס מאַכען דאָ נעסטען נעבען פּאַלאַץ, און דאָס געטאָ־געסעלע בעקומט דעמאָלט נאָר אַן'אַנדער געשטאַלט: עס הילכט אַ פויגעל־געזאַנג און עס וועהט מיט די רוחות פונ'ם צאַפּלען און פונ'ם הינדטעל פונ'ם - פעלד און פונ'ם וואַלד.

די יודישע בנינים'לעך בעקומען עפּעס אַן'אויסזעהן, בעת־מעשה' ווי שומרים־בײַדלעך פונ'ם מאַגנאַט־פּאַלאַץ... סיי זומער און סיי ווינטער און, אפילו אין די חושך'דיגע טעג שפּירט זיך דאָ, אגב, נעבען פּאַלאַץ עפּעס אַ מאָדנע השגחה און ריינקייט, פּשוט, אַ שפּענדעל און אַן'אַראָפּגעפאַלען בלאַט, איז אפילו נישט צו געפינען: פונקט עפּעס ווי אין אַ קלויסטער־הויף, אין די וואָכענדיגע טעג.

אָט אַזוי איז עס נעבען פּאַלאַץ דרויסען צו דער נאַס.

און אינעווייניג — אויף דער אַנדער זייט פונ'ם געלען פּאַרקען: אַ רחבות דיגער און לאַנגער הויף. זומער ווערט דער גאַנצער הויף פערוואַנדעלט, כמעט אין אַ בלומען־גאָרטען מיט פערשידענ־קאָלירינע ביימען און בערגלעך... אין דער מיט פונ'ם גאָרטען אַ פּירקאַנטיגע, איינשטאָקיגע, ווייס־געקאַלכטע הויז מיט געשניצטע הויכע

פיגורען און טיט סטאַטועס. וואָס שפּאַרען אונטער פון אַלע זייטען דעם קאַרניז פונ'ם דאַך און מיט אַ רויטען בלעכערנעם האָן מיט לאַנגע פיס, ווי ביי אַ באָטשאַן אויפ'ן קוימען. הארט נעבען הויז עפּעס ווי אַ שומר און עדות — אַ קליינינקער קאַסטעל, ווי אַ קאַפּליצע אויף אַ מיטען וועג, פון רויטע ציגעל. וואָס זענען שוואַרץ געוואָרען פון עלטקייט און תמיד פערוויגעלט עפּעס מיט אנ'אייזערנעם פערציפּשינגען שווערד־שיידעל... חוצ'ן הויז און קאַסטעל פערמאָגט נישט מעהר אַט דער הויף קיין בנינים, בסדר גרינסען און פלאַנצען און טויטע פּאָנ־טאַנען און גיפּסען־בילדער אויף ביבלישע טעמען. װינטער זעהט אויס, אַט די הויף־בנינים, פונקט עפּעס ווי טרוים־פּאַלאַצען אין חלום, בעת מען פאָהרט דרעמלענדיג דורך אַ פערשנייטען װאַלד אין אַ לבנה־נאַכט... יעדער קאַנט בעזונדער פונ'ם איינשטאָקיג הויז־נעקאַלכט הויז, האָט זיך זיין איינענע טיר און גאַניק מיט מאָזאישע טרעפּלעך. די טירען — תמיד פערשפּאַרט און פערינעלט. און דער וועג צו זיי דראַפּעט זיך דורך, צווישען בוימער און ביימען־שטענגלעך. גרויסע פענסטער לויט'ן נאַטישען סטיל. אין אַלע צייטען פונ'ם יאָהר און סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט זענען אַט די פענסטער מיט גרוי־געוועבטענע שטאָרען בעהאָנגען, און עפּעס ווי אין אנ'אייבינען טרויער־שלייער איינגעהילט שטעהט אַט דאָס הויז: קיינמאָל שיינט פון איהם נישט אַרויס קיין ליכטיגקייט. און אינ'ם הויף גופא, הערשט עפּעס אַ שטיל־קייט פון פּוסטקייט און פערלאָזענקייט, און אַ פערגליווערטע קאַלט־קייט פויזעט אום: זעלטען, זעלטען פּאַסירט עמיצער זאָל דאָ אַריינגעהן אָדער אַרויסגעהן...

דער איינאונאיינציגער לעבעדיגער מענש, וואָס דרעהט זיך דאָ אַרום ווי אַ בן־בית, איז דער שומר פונ'ם הויף. אנ'אַלטער און אַלט־פרענקישער פּאָליאַק, אַ הויכער און דיק־שווערער מיט פּיצינקע גרויע אויגעלעך, מיט גרויע און מאַסיווע וואָנסעס, וואָס דערגרייכען ביז די שפּיץ אויערן, און אַ לאַנגע צוויי עקיגע באָרד אויפ'ן אַלט פּויליש־פריצישען שטייגער.

ווינטער זעהט מען איהם כמעט גאָר נישט אָן, אַט דעם שומר אין דרויסען. זומער אָבער טרעט ער פונ'ם פּאַרקאַן נישט אָב. שטעהט זיך איינזאַם און שווייגענדיג, די הענד צונויפגעפלאָכטען אויף הינטער און קוקט פערטראַכט און אַנגערונצעלט אויפ'ן הימעל, אָדער האַלט־טענדיג דעם קאָפּ, אונג ס'רוב, ווי אַ קאָכער מיט אַ הייסער מיטקעל־נער־שאַטשיילקע אַרומגעבונדען, אַראָבגעלאָזט, גריבעלט ער זיך עפּעס

אין אַ ווינקעלע, ווי פערשטעלט פון אַלעמען, פונקט, ווי אַ פעראַרעמ־טער נשרף צווישען זיינע פערברענטע הפצים און אש־בערגעלעך...

און אַט פּאַסירט, אַז פּלוצלינג פוצט ער זיך עפּעס אויס אַט דער שומר. וויקעלט אַרום דעם האלז מיט אַ דיקען שוואַרץ וואָלענעם טוך. אויס'ן קאָפּ שפּאַרט ער דעמאָלט אַרויף עפּעס אַ קליין און שמאָל אונגאַריש קאַפּעלושעל מיט אַ לאַנגע פּאַווע־פעדער פון הינטען. אויף די פיס לאַנגע יענערישע שטיוועל. אין אַט אַזאַ טאָג בעקומט דער שומר עפּעס אַנ'אויסזעהן פון אַ תּכּיס'ן דאָרפישען שליאַכטשיץ, וואָס איז אין שטאָדט אַריינגעקומען אויף אַ יריד, אָדער אויף אַ יום־טוב צום קסיאָנדז... מיט די נאַסינע תּושבים, אגב, רעדט ער כּמעט קיינמאָל אַ וואָרט נישט אויס. האַלט זיך גדלות'דיג און פון דערווייטענס עפּעס נאָך פּריצי'שער פון אַ פּריץ.

עפּעס מעשה'דיג: אָפּט דאַכט זיך, אַז אָט דאָס מאָדנע הויז איז עפּעס אַ פאַרצייטיגער שלאָס פון שענקעוויטש'עס אַנ'אומרוהיגען און קריגערישען „פּאָלקאָווניק", וואָס האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין פרעמדע לענדער וואַנדערן איבער וועגען און שטעגען—זיין העלדיש־קייט ווייזען דער וועלט. דער „פּאָלקאָווניק" איז שוין פון לאַנג אָן טויט און זיין געטרייער דינער, בענקענדיג נאָך איהם, דרעהט זיך אַרום טאָג, ווי נאַכט נעבען שלאָס און ביז דער לעצטער רגע וועט ער זיך עס אָט אַזוי אַרומדרעהען, אויסקוקענדיג די אויגען נאָך זיין הערשער...

...אָט אַזוי האָט זיך עס געצויגען יאָהרען נאָך יאָהרען. עס האָט זיך געדאַכט, אַז קיינמאָל וועט זיך אָט דאָס בילד גאָרנישט ענדערן: עפּעס אַזוי איינגעפונדעוועט, ווי אַנ'אַלטער בית־עלמין. און פּלוצלינג האָט זיך דאָ אַליץ, ממש קאַפּויר איבערגעביטען:

דאָס איז געווען אינ'ם אָקטאָבער־חודש פונ'ם יאָהר 1914, בעת די דייטשע חילות האָבען די שטאָדט וואַרשאָ צום ערשטען מאָל בעי־לאַגערט: אָט דאָס נעמאַ־געסעלע, וואו דער מאַגנאַט־פּאַלאַץ געפינט זיך, איז דעמאָלט פערוואַנדעלט געוואָרען עפּעס אין אַ הויפּט־פּונקט פאַר אַלע ענטרונענע און אַרויסגעיאָגטע יודען פונ'ם גאַנצען געגענד. טאָג־טעגליך, כּמעט, דורכ'ן מעת־לעת פלעגען זיך ציהען אין אָט דאָס געסעלע אַריין, פון די אַרומיגע שטעדט און שטעדטלעך, גאַנצע מחנות „גולים" סוסנעהער און אויף פוהרען, אַנגעוואָרפען, ווי ציגיינער, מיט שטובּיגע כּלים אָנגעלעגט, און מיט ווייבער און מיט קינדער, וואָס

פלעגען שוויינענדיג און אנגעשראקען ארומקוקען זיך און ציטערן עפעס, ווי גראַנינב ענען אין די לעפער און שפאלטען פון די שטיבלעך און פון די פלויזען. דאס קליינע געסעלע איז תמיד געוואָרען געפאקט מיט עולם און בעקומען עפעס אַנ'אויסזעהן פון א פוילישיודיש שטעדטעלע אין א יריד־טאג. און אט דער „שוויטער פּלאַץ" האט אויך עפעס א נייע הויט אויף זיך ארויסגעצויגען: פריצים יענעריש, געקליידעט אין פּיצ'בעס אין זיידענס און סאמעט אנגעטון, מיט קרענצלעך ווייסע פעדל אויף ענגבלויזטע העלזער, כמעט ביז די ברוסט,—האבען זיך דא בעוויזען ארייגעהענדיג. און הינטישע קולות האבען זיך דא נאר, פלוצלינג געהערט, און דאס האָרן־טרומפייטערן פון יענער. און פונקט, ווי נעבען די „ווינטער־דירות" פון דער מאַרשאַלקאָווסקע און יערוזאלימסקע, פלעגען דא, איצט, שטעהן נעבען דעם געלען פּאַר־קען דראָזשקעס מיט צוויי פערד געשפאנט. און אפילו דער סומנע־שווייגענדיגער שומר האט אויך עפעס אראָבגעוואָרפען פון זיך זיין אַיי־ביגען טרויער: אין א חייסען פארטוך האט ער זיך אויסגעפוצט, און געהט ער ארויס דרויסען, פלעגט ער איצט שמייכלען עפעס צופרידען און מונטער, אין זיין צוויי־עקיגער לאנגער באָרד, און אונטערטאַנצען און פייפען עפעס, ווי א פרעהליכער הויף־דינער אין די קאליארעסדיגע בעלער־טעג...

די יורשים פונ'ם יונג־פערשטארבענעם מאגנאט, ענטלויפענדיג פון זייערע ברענענדיגע הויפען און גיטער, האבען זיך עס, דערוויל, אין אט דעם פוסטען „אבלי־פּאלאַץ" בעזעצט, און דעריבער האט ער אזוי אויפגעלעבט. גאנצע נעכט פלעגט איצט, אט דער הויף זיין בע־לויכטען פון דרויסען און פון אינעווייניג, און דאס געטא־געסעלע פון אט דער ליכטיגקייט בעשיינט, האט בעקומען אַנ'אויסזעהן עפעס פון א „מאיאראט": אין דער מיט—א פאלאַץ מיט פריצים און מיט פריצ־טעס, און מיט הינד און מיט יעגער, און מיט פערד און מיט דינער, אין ארום פיל פוירשע שטיבלעך און יודען...

איך בין אין אט דער צייט געווען א שטענדיגער נאַסט אינ'ם געסעלע: נאכט אין נאכט פלעג איך זיך פערקלויבען, וואוהין עס איז אין א שטיבעלע אדער א קלויז, און ס'רוב ביז א שטיק אין „חצות" אריין פונ'ם ארט נישט ריהרען זיך. צו די יודען גולים פלעג איך עס געהן, די דאָרף־הענדלער און בעלי־מלאכות פון קוטנא און פון קאַ־זשעניץ, פון סאכאטשאָוו און פון באָלימאָוו קרועה־ובלועה'דיג אין די לאנגע קאַפּאָטעס מיט שטריק פערגארטעלט, מיט די לאנגע אויסגע־

חעלנערטע בערד און אויסגעשפּינטע פּאות און מיט די שמאָלינקע קאַשקעטלעך אויף די קעפּ, אין אַ קליין טפח אויף טפח'דיגע שטיבעלע מיט אַ רויבערנדיג לעמפּעלע צו דער נידעריגער סטעליע אָנגעבונדען,—פלעגען אויסזעהן, זיצענדיג איינער נעבען דעם אַנדערן מאַנען, די ווייבער און קינדער אויף דער פּאָדלאָגע, פּונקט עפּעס, ווי די פּאַרצייטיגע „שבוים", וואָס מען פלעגט, משפּחות־ווייז, ווי פערקויפטע קנעכט אין קעלערס און היילען פערשפּאַרען. און אַט די „שבוים" פלעגען מיר מעשיות דערצעהלען. עפּעס גאָר פּאַרצייטיגע מעשיות וועגען דער בילינקייט און הפקר'דיגקייט פון זייער ברוט און פערמעגען; מעשיות וועגען רוסישע קאָזאַקען, וואָס האָבען זייערע טעכטער און ווייבער געשענדעט, און מעשיות וועגען פּוילישע קסיאָנדזען, וואָס זענען געשטאַנען אויף אַלע וועגען נעבען די ברונעמס, און נישט געלאָזט זיי אָנשעפּען אַ ביסעל וואַסער צום טרינקען... עפּעס מאָדנע רוהיג פלעגען זיי עס דערצעהלען אָט די מעשיות; פּונקט עפּעס, ווי לאַנדס־לייט, וואָס זענען אריינגעפאַלען אין דער פרעמד און שמועסען זיך צווישען אַנאַנד, דערמאָנענדיג זיך אין פערשידענע היימישע געשיכטעס, איינגענע און פּנקס'דיגע.

און אַט פּאַסירט איז מאָל אַ נאַכט, אַז איך האָב זיך פערגעסען נאָך שפּעטער, ווי תמיד, אָט דאָ אין „אַ נעבענגעסישקעלער": שוין געווען אודאי די צווייטע אשמורה, בעת איך בין אַרויסגעגאַנגען פון דאַנען. דער טאָג - אגב, וואָס פאַר אָט דער נאַכט איז געווען איינער פון די אומרוהיגסטע טעג אינ'ם דעמאָלטיגען שטורעמדיגען חודש אין וואַרשאַ: פונם גרויען בעגינען אָן, כמעט ביז דער שקיעה, האָט דעמאָלט דער הימעל געזשומעט איבער די קעפּ: צעפּעלינען האָבען אומגעשוועבט איבער דער שטאָדט עפּעס ווי שוואַרצע קראָען. און די נאַכט איז, דוקא, געווען עפּעס אַזאַ אָנגענעהמע: אַ ליכטיגע און אַנ'אויסגעשטערנטע און אַ מונטערע. אזוי אַ פראָסטיגע. דאָס איז אגב געווען, כמעט, די ערשטע ווינטער־נאַכט פונ'ם יאהר בעלויכטען מיט לבנה־שיין. די געווענע שמוציגע בלאָטעס האָבען זיך שנעל אויסגעטרוקענט און עפּעס, כהרף־עין, פערהאַרטעוועט. די גרויע ערד נישט האָבענדיג נאָך קיין שניי אויף זיך פונ'ם עבר־דיגען ווינטער אָן, האָט זיך געהאַלטען אונטער די פיס האַרט אַזוי שטיי ווי הרודע... לאַנגזאַם בין איך געגאַנגען, און דאָס געסעלע מיט די געהעלבערד־בערעלעך האָט זיך געשלענגעלט אין זילבערנע שאָטענס און פּאַראויס געטראָגען זיך עפּעס ווי שווימענדיג. אַנ'אַבגעטאַלטענע

און פּריש־פּראָסטינע שטילקייט. אין די שטיבעלעך און קלויזען — פינסטער. נעבען אַ וואַנד פון קלויז איז געשטאַנען אַנגעשפּאַרט אַני־אַלטער סטאַיקעווער מיט אַ לאַנגער און פייערפוירענער באָרד און געדרעפּעלט, האַלטענדיג אַנ׳אַרבעל אין אַנ׳אַרבעל. אַט דער אַלטער סטאַיקאָווער איז געווען נעקליידט פון׳ם קאָפּ ביז די פיס אין גרויען און עפּעס ווי אַ נר — אַ וואַנדערער האָט ער דאָ אויסגעזעהן מיט׳ן שווערד און רעוואָלווער, דרעמלענדיג ווי אַ פערבלאָנדזשעטער נעבען אַ וואַנד פון אַ קלויז. און חוץ אַט דעם פערשלאָפענעם סטאַיקאָווען, האָט זיך דאָ אינ׳ם דרויסען, בעת־מעשה נישט געשפּירט, אַפילו קיין הויך פון אַ לעבעדיגען נפש. אָנגעשראָקען פון׳ם טאָג און ציטערנדיג פאַר דער נאַכט. האָט מען זיך, מסתמא, בעהאַלטען, וואו מען האָט נאָר געקאָנט אין אנגסטען... רוהיג און שטום. נאָר עפּעס אַ מין ערב־פערפרעבען־שטומקייט: אָט דאָרטען, „איננאַנצען, אפשר צוויי מייל ווייט פון דאַנען, זענען גאַנצע פעלקער מיט ביקסען און שווערדען אויס׳ן פעלד אַרויסגענאַנגען, אַלט און יונג — די הייזער און די נחלאות און די ווייבער און די קינדער פערלאָזען, און ראַנגלען זיך אין טייכען און אין וועלדער, אויף הויכע בערג און אין טיפע היילען, און אויף לעבען און אויף טויט, אויסגלייכענדיג זייערע אַלטע און פערפּלאָנטערטע חשבונות... דאָ איז אָבער שטיל און טויט: דאָ געפינען זיך דאָך נאָר בלויז געפאַנגענע... און פּלוצלינג עפּעס ווי עמיצער וואָלט אויף מיר פון הינטען, אומגעריכט אָנגעפאַלען: אַ ווילד אויסגעשריי דערהערט: „אואָאָאָ, ראַאַ־טעע־וועעטו!“ — דאָס אויסגעשריי איז געווען אין יודיש און דאָס קול אַ שרעקליכס עפּעס ווי דאָס ראָווען פון אַ פערפּענטעטען אָקס, אָקאָרשט נאָך דער שחיטה, בעת ער צאַפּעלט זיך... עטליכע מאָל נאַכאַנאַנד האָט זיך אין אָט דער פּראָסטיגער און לבנה׳דיגער שטילקייט איבערגע׳חזר׳ט דאָס אויסגעשריי מיט׳ן ראָווען. דאָס אין זיך פערשראָכטע און ליכטיגע און מרה־שחורה׳דיגע געסעלע, האָט דאַכט זיך, אַ ציטער געטון פון אימה: „ווער שרייט עס מיט אַזוינע בענומענע געוואַלדען אין מיטען דער נאַכט. אָט דאָ אין דער איינזאַמקייט?“... איך האָב זיך אָבגעשטעלט. און אָנגעהויבען עפּעס ווי טאַפּען די לופט, און זוכען מיט די אויגען. נאָר דאָס געסעלע איז פּוסט און וויסט, פּונקט ווי פריהער, בעת איך בין פון׳ם „שבועות־קעלער“ אַרויסגעגאַנגען. מען זעהט נאָר נישט און קיינעם נישט. אומרוהיג האָב איך געטראַכט: „ווער ווייסט, וואָס אָט דאָ, אפשר עטליכע טריט

נעבען מיר, פאסירט, איצט אין אט דער מינוט?. עס איז דאך עפעס אזא צייט, וואס האט פון זיך אלע לאנדן ארויסגעווארפען"... און אין אט דער מינוט האט זיך ווידער אט דאס ראוועדיגע אויסגעשריי „ראט־טעט־וועט", איבער מיין קאפ, עפעס ווי א כוואליע דורכגעטראגען. נאר דאס איז שוין געווען דאס לעצטע מאל. רגמרי פערשטומט געווארען. איך האב זיך געלאזט געהן ווייטער מיין וועג, צווישען אט די פערטרויערטע „שבעה־שטובעלעך" נעהענטער צו דער אלט־שטאדט און צו די פוילישע גאסען. נאר דורכגעהענדיג פערביי דעם „טויטען פאלאץ", וואס איז אט דא נישט לאנג, פרוצלינג „תחית־המתים" אויפגעשטאנען, בין איך עפעס, אזוי ווי פערשטיינט געבליבען שטעהן פון דעם, וואס איך האב דערזעהן, און ממש פונ'ם ארט נישט געקאנט ריהרען זיך:

אט ס'אר א משונה בילד:

דער מאגנאט־הויף האט זיך אין א צארטער ליכטיגקייט געבאדען איבער דער גאנצער לענג פונ'ם געלען פארקען און אויף די צווייגען פון די אלטע קאסנעס, און, אויף די שווארצע און טויטע פאנטאנען, און אויף די ווייסע און גיפסענע סטאטועס, און אויף די אויסגעשניצטע פיגורען וועגען געהאנגען אויף דרעטלעך פאפירענע לאמטערנדלעך מיט געמעלען פון יאפאנישע און כינעזישע פיזיאָנאמיעס, וואס האבען שימערירט מיט קאלירענדיגע סטערלעך, און פונ'ם אינעווייניג און פונ'ם פאלאץ האבען זיך געהערט מוזיק און געזאנג. עפעס גלעקלעך האבען הילכיג געקלונגען, און טאצען האבען געפויקט. אויס'ן סאמע שפיץ טויער האט א פאהן געפלאטערט. און אויפ'ן טראטואר הארט נעבען דעם שיינענדיגען פארקען, האבען זיך צוויי פארשוינען געראנגעלט: אנטקעגען איז געלעגען אויף דער ערד א ברייטע און שווארץ־פערגליווערטע שווערע משא. און פון אויבען אויף אט דער משא א לאנגע און דיקע פיגור מיט'ן גאנצען קערפער ארויסגעווארפען עפעס ווי א נ'אייגענע־סאלענער בוים. ביידע פארשוינען — שווייגען. עס הערט זיך נאר ווי זיי עטעמען שווער, פונקט עפעס ווי מען וואלט דא דערביי דיקע באלקענס מיט א שפאן־זעג געזעגט... — „וואס זענען עס פאר ברואים?"... טראכט איך. נאר אפילו איך האב נאך דערנענטערען צו זיי גאר נאהענט צוצוטרעטען, האט פלוצלינג אט די לאנגע און דיקע פיגור, וואס איז אויבען געלעגען, דעם קאפ אויפגעהויבען און טיף און שטרענג עפעס התראה'דיג אין מיר אריינגעקוקט זיך. זי ער וואלט געהאט, פרעה, מיך אויך צו נעהמען אונטער זיך, און תיכף

און האַסטיג, פון דער ברייטער און שטאַרק-פערגליווערטער משא אַראָבּ-
געשפּרונגען, און איך האָב דערזעהען און דערקענט: דאָס איז דאָך דער
סומנע-שווייגענדיגער שומר פונ'ם מאַנגאַט-הויז... „וואָס האָט דאָס דאָ
היינט געטראָפען מיט איהם?"...—און דער „שומר" האָט עפּעס אַ בּרוּם
געטהון צו זיך גופא, ווי אַ געפּאַנגענע היה-רעה אינ'ם שטיינעל, און
אַרויסשרייענדיג מיט'ן גאַנצען כּח: עֶעֶ „פּשאַאַ-קרעוו!" — גיפטיג
אויסגעשפּיגען און געלם געוואָרען דורכ'ן פּאַרקען-טויער, וואָס ער
האָט גלייך און רעשידיג און קלינגענדיג מיט די שליסלען, פערריגעלט.

און ווי נאָר דער שומר פונ'ם הויף איז פערשוואונדען, האָט
זיך די שווערע משא, וואָס איז אַקוראַט געלעגען פערגליווערט,
אָנגעהויבּען, פּאַוואָליגקע און קרעכצענדיג צו ריהרען פונ'ם טראָטואַר,
פּונקט עפּעס, ווי אַ חולה אויף אַ קראַנקען-בעט, איבּערקערענדיג זיך
פון איין זייט אויף דער צווייטער. לאַנגזאַם און האַלטענדיג זיך פאַר'ן
האַרצען, האָט אָט די משא, עפּעס ווי יעדער אבר בעזונדער, זיך אויפ-
געהויבען און אין עטליכע רגע'ס אַרום, האָבּ איך דערזעהן אַ לעבּע-
דיגען און אַ גאַנצען מענש שטעהענדיג אויף די פיס: אַ דיקער און
אַ נידעריגער און אַ פעסט-געבּויטער בּעל-הבּתי'שער יוד מיט אַ שוואַרץ-
גרויליכער קורצער און בּרייטער בּאָרד, מיט פולע בּאַקען און פעט-
פלייש'יגע ליפּען, בּכלל, האָט אָט דער יוד פערמאָגט עפּעס אַ רבנ'יש
אויסזעהן: אויפ'ן קאָפּ, כּמעט אַריבּער די אויגען אַראָבּגערוקט אַ בּרוין-
פּלושענער קאַפּעליוש מיט בּרייטע בּרעגען און הויך-שפּיציג, ווי
אַ שטרייַמעל. אויפ'ן געזונדען און בּייכיגען גוף—אַ לאַנגער שוואַרץ-
ליוסטריגענער מלבּוש. די פּיס איז פּאַנטאָפעל... אויפגעשטעלט
זיך, צוטומעלט און דערשראָקען און רייבּענדיג די אויגען, ווי דערמאַ-
נענדיג זיך אָן עפּעס. אויף אַלע זייטען אַרומגעקוקט זיך... איך האָב
איהם אַ האַרציגען און טרייסטענדען „גוט-נאַוועני" געזאָגט,—נאָר אָט
דער יוד האָט מיר אפילו נישט געענטפערט, און עפּעס ווי אויסמיי-
דענדיג מיך, בּכיון, האָט ער זיך געלאָזט לויפען דורך דער בּרייט
פונ'ם געסעלע צום ענטקעגענדיגען טראָטואַר. ער איז געלאָפען, האַל-
טענדיג די פּאָלעס פונ'ם לוסטריגענעם מלבּוש אין די הענה, און
אַזוי האַסטיג, אַז אין אַזא קליינעם מהלך איז דער בּרוין-פּלושענער
קאַפּעליוש עטליכע מאָל פון זיין קאָפּ אַראָבּגעפאַלען: פּונקט עפּעס
ווי אַ מחנה חיות, וואָלט איהם געצופּט פון הינטען... און אָט האָט
ער זיך אין אַ לאַך פון אַ קלויז אַריינגעשטופּט און פערשוואונדען
געוואָרען, נישט ווענדענדיג, כאָטש אויף אַ רגע, דאָס פּנים צוריק צום

געסעל... אײנזאם בין איך דא געבליבען שטעהן און מחשבות האבען זיך נעפלאנטערט אינ׳ם קאפ: .וואס האט עס דא פאסירט? װער איז אט דער יוד? זענען די פריהערדיגע ראװעדיגע קולות געװען זײנע?... וואס האט עס פון איהם געוואלט אט דער שומר. וואס פיהרט זיך תמיד, דאכט זיך, אזוי פריצ׳יש און לײטיש?..׳—און דא ארום עפעס אלין פאנטאסטיש: א ליכטיגע לבנה-נאכט, קלויזען, הורבות-בײדלעך, א פריצישער פאלאץ, שײנענדיגע בוימער, מוזיק און געזאנג.

איך האב זיך אנגעשפארט אן דעם געלען פארקען, װאס האט זיך געטוקעט אין די פײערלעך פון די קאלירטע לאמטערנדלעך מיט די געמעלען פון יאפאנישע און כינעזישע פיזואזשען. נײגעריג האב איך געקוקט דורך די שפארעס און אויסגעהופעלטע צלמים צו דעם, וואס עס קומט פאר דארטען אינ׳ם אינעװײניג פונ׳ם פאלאץ: די גרוי-געװענטענע שטארען פון די גאטישע פענסטער זענען אין אט דעם מאמענט געװען אויפגעהויבען. דורך די גרויסע און געשלײפטע שויבען האט זיך געזעהן, װי פרויען און מענער געארעמט און געפלאכטען און מיט בלומען-בוקעטען אין די הענד און עפעס, װי נישט ריהרענדיג זיך מיט אנ׳אבר אפילו, טאנצען, געלאסען א פאלאנעז אין א לאנגען און ליכטיגען זאל מיט פיל בילדער און מיט זילבערנע לוסטרעס אויף די װענד און מיט גלאט-פאלירטע אש-קאלירענדיגע קאלאנעס אין די װינקלעך. און אויס׳ן הויף צװישען די בוימער האבען עלטערע פריצים, יענעריש געקלײדט אומגעשפאצירט הין און צוריק און מיט לאנגע טערקישע ציבוקעס אין די מײלער און שטיל און סודות׳דיג און װי ישוב׳ענדיג זיך װענען עפעס, געשמועסט צװישען זיך... און פטעט בײ יעדער סטאטוע איז געשטאנען װי אנגעלעהנט עפעס א בעיאהרענטע דאמע מיט אנ׳אויטאמאביל-פוטער אויף די אקסלען און מיט א לארנעט אויף די אויגען און נעבען איהר א יונגער קסיאנדז אין א זײדענער סוטאנע און מיט אויסגעשטרעקטע הענד צום הימעל און עפעס װי קניהענדיג.

אט אזוי האט עס אויסגעזעהן, בעת-מעשה: ערנסט און יום-טוב׳דיג. עס האט זיך געדאכט: דער אלטער בעל-הבית, דער יונגער און העלדישער מאגנאט, האט זיך עס פלוצלינג צוריק אהײם פון זײן נע-ונד אומגעקעהרט, און געפינענדיג זײן פאלאץ מיט׳ן גאנצען גוטס-און-האב נישט פערענדערט און נישט געריהרט, האט ער פאר זײנע קרובים און פרײנד א גרויסע מאהל-צײט מיט אלעם גוטען געמאכט...

א היבשע װײלע בין איך עס, אט אזוי געשטאנען און געקוקט

פון דערוויילעטענס. און, פלוצלינג האט זיך פאר מיר ענטפלעקט דער סוד פונ'ם מארגנעם צוזאמענשטויס. וואס איך האב אט דא מיט עטליכע מינוט פריהער בעגעגענט: דער אנפאל פונ'ם אלטען פאלאץ-שומר אויף אט דעם יודען מיט א רבנ'יש אויסזעהן, אין מיטען דער נאכט, בעת ארום איז קיין ילוד-אשה נישטא, האט מיר אויסגעזעהן, בעת-מעשה פשוט און אזוי נאטירליך: אנ'אלטע געשיכטע און אנ'איינגפאכע נאך פון קדמונים:

פריצים מאכען זיך לוסטיג, און כדי די דינער זאלען זיך אויך נישט פיהלען אומעטיג, שיקט מען זיי ארויס אין די נאסען כאפען וואו עס איז א קאפאטע-יוד מיט א שטריימל און פיאות און רייצען זיך מיט איהם און ווערגען... אט דאס מאגנאט-הויז זעהט שוין, מסתמא נישט דאס ערשטע מאל אזא בילד. און אפשר טאקע, מחמת דעם האט אט דער יוד אויך קיין לאנגע מחוקות נישט געמאכט — דערשראקען זיך בלויז, און ווי נאר מען האט איהם אבגעלאזט, ענטלאפען אהן טענות: א געניטער ייד... איך האב זיך געלאזט געהן ווייטער. די פיס אבער האבען זיך עפעס קוים געשלעפט. און דארט, אפשר צוויי מייל ווייט פון דאנען — זאגט מען — שאפט זיך א שפאנעל-נייע געשיכטע. דאס בילד אבער פון אט דעם „צוזאמענשטויס" אינ'ם נעטא-געסעלע נעבען דעם מאגנאט-הויז שטעהט פאר די אויגען, און פערצוימט דעם וועג און לאזט ערגעץ נישט קוקען און ציהט צוריק...



איהר שײן געשטאלט.

— פון —

אהרן צייטלין.

אונטער׳ן דאך פון דעם אלטען וואלד
נעהט א נעמורמעל פון יונג און אלט:
עס רעדען בלומען און גראזען־גרין;
בוים צו בוים רעדט און ביהן צו ביהן;
פערוואונדערט דערצעהלט עס דער קלײנער גנאם,
דער אלטער רעמב און דער יונגער שוואם.

אונטער׳ן דאך פון דעם אלטען וואלד
נעהט א נעמורמעל פון יונג און אלט:
„א דור קומט־אן און א דור פערגעהט,—
און, טיף אין וואלד ערגיץ, דארט וואו ס׳שטעהט
א נאכט אהן פארבען, א שטילקײט אהן רײד—
שלאפט א בת־מלכה אין ווײסען קלײד״.

אונטער׳ן דאך פון דעם אלטען וואלד
נעהט א נעמורמעל פון יונג און אלט:
„שארף העננט איהר ברעם, ווי דעם העלד׳ס קינושאל,
רויט בלאנקט איהר ליפ, ווי דעם ים׳ס קאראל,
איהר יעדע לאק איז א גאלדענער שטראהל
און ווײסע בלומען—די פינגער אל״.

„ליליען מיט רויזען איז איהר נעזיכט,
גאלדענער האניג מיט ווײסען ליכט;
די ברוסטען — צוויי עפעל מיט ווײסער שאל...
אך, א „קוק־טאן אויף איהר איין מאל—
ווערט הויך און ברײט, האס איז ענג און שמאל,
און קענען איהר שטילסײט שטומט יעדען׳ס קול״.

"אָך, אַ קוק-טאָן אויף איהר איז אַ פרײד!
עס װערען אנטשװינדען די פרעכסטע רײד,
עס לאָזט זיך אראָב דער קופּערנער שטערן,
און ס'רינען אראָב פערשטײנערטע טרערען;
עס װאַקסט אַ בעגעהרע, אַ שטום בעגעהרען,
מיט איהר צו זײַן און איהר צו געהערען.

"אָפט קומט אַ יונגעל מיט פײַף און געזאַנג,
נאָר װי ער דערזעהט זי—גלײַך װערט איהם באַנג,
נאָר װי ער דערזעהט זי—גלײַך װערט איהם טריב:
"שענע בת-מלכה! איך האָב דיך ליב,
און טון װעל איך אַלץ נאָר דיר צוליב."
פערשלאָסען װי פריהער פערבלײַבט איהר ליפּ...

—"עפען די פּאַלטען, פערשלאָסענע רױז!
קום, כ'װעל דיך פיהרען צום פאָטער אין הױז!
מײַן פאָטער'ס הױז שטעהט אין מיטען פון טײַך,
פערמאָגט אַ גרױסען, גאָלדענעם דאַך,
טײַערע גזימסען און פענסטער אַ סך"...
זי ריהרט קײן ברעם ניט, זי װערט ניט װאַך!

—"און ליבסטו די אױגען די בלױע פון ים,
די ערד איז צו ענג דיר, צו װעניג געראַם,
זי איז דיר מיאוס, װילסט מאַכען אַ בײט,—
דאַן בױ איך אַ שיף דיר צו נאַכט און צו לײַט.
מיר װעלען פאָהרען העט װײַט העט װײַט,
מיר װעלען פאָהרען אַ לאַנגע צײַט.

"מײַן האַנד װעט האַלטען דײַן רױטער [illegible],
און דו װעסט זיצען װי אַ פױגעל אין נעסט,
מײַן האַנד װעט בעשיצען דײַן [illegible] קאָפּ [illegible]
דײַן ערדעל לײַב און דײַן ליפּען-פּאָר.
װילסטו? כ'װעל דיר קושען און האַלטען בײַ [illegible],"
זי [illegible] און ענטפערט ניט [illegible]...

דײַן פּנים איז הײליג, איך זעה דאָס גענוי:
בײַט רײַן, װי די צקאָרשט-געפאַלענע טױ,

ווי אין מענשליכען לעבען די ערשטע שעה.
נאר זאג מיר, א דו, וואס דיינס-גלייכען נישטא?
איז דא בײַ דיר ליבע איז זארג בײַ דיר דא?
נישט זאגט זי איהם „ניין“ און נישט זאגט זי איהם „יא“.

„אין שעה'ן ארום געהט דאס יונגעל אהיים,
נאר א ביטערער וועהטאג נאגט איהם געהיים.
מען ניט איהם טרינקען דעם בעסטען ווײַן—
ער נעהמט איהם אפילו אין מויל נישט ארײַן;
—„דאס איז נישט דער בעסטער, וואס קען נאר זײַן:
איך האב שוין געטרונקען דעם בעסטען ווײַן!“

—„ווי קען אמער ווײַן מיר ארײַנגעהן אין האלז,
ווען כ'בין שכור פון דעם, וואס איז זיסער פון אלץ?
א, ווען א ווינד זאל א וועה-טון פון ווײַט,
זאל בלאזען טראמפײַט, ווי די העלדען פון שטרײַט,
און זאל עפענען פלוצלינג איהר ברעהם פון זײַד,
און טון זי א קעהר כאטש, א קעהר אויף א זײַט!“

„ס'איז פרעהליך, ס'איז יום-טוב בײַם פאטער אין הויז:
גרויס די עשירות, איז די שמחה אויך גרויס.
אויף דעם בלאנקען פארקעט'ס, העל-געשליפענער פראכט
גיסען זיך ווײַנען ווי טאג אזוי נאכט,
עס קלינגען געזאנגען, מען שטיפט און לאכט,—
און דאס יונגעל טרויערט, דאס יונגעל טראכט“..

„דאן לאזט מען איהם דורשטען דרײַ טעג, דרײַ נעכט,
און צום טאג צום פערטען ברענגען איהם קנעכט
דאס לויטערסטע וואסער אין רײַנסטען גלאז...
נאר מיט שטארקײַט פון לײַדען צערברעכט ער דעם כוס.
— נעהמט-צו די שערבלעך—און פרענט נישט פארוואס.
מײַן שרפה לעשט נישט דאס וואסער אין גלאז!“

ער קען נישט מעהר הערען די ליבסטע רייד,
ער קען נישט מעהר ליבען די שענסטע מייד,—
זי מעג האבען א ווײַכע, א גאלדענע לאק,
מעג זײַן אזוי לײַכט, ווי די שאל פון א וואג,

מעג דרינגען אין הארצען איהר זינג און איהר זאג
און קלינגען איהר קול ווי א זילבערנער גלאק.—

.ער וועט זי נישט פיהרען צום פאטער אין הויז,
ער חעט זי נישט נעהמען צו זיך אויפ'ן שויס..
און מען איהר'ס-גלייכען זיין קוים געטאלט,—
ער וועט איהר נישט קויפען קיין רינג פון גאלד,
ער וועט איהר נישט זאגען: „איך האב דיך האלה,
חייל דיך, נאר דיך האט מיין הארץ געוואלט!‟

.עס וואקסט דאס יונגעל און ווערט א מאן,
נאר נאך-איז פאר איהם קיין טרייסט נישט פאראן;
ער ווערט א נזיר, פערלאזט זיך האר,
געהט אין מדבר און טרוימט אויף-דער-וואהר,—
און אוי א וואונדער: דאס ערשטע מאל
פערנעהמט ער קלאר דער בת-מלכה'ס קול.

גישט פון וואלד,—פון א הויכען און ווייטען ארט,
פערנעהמט ער דייטליך איהר ווארט, איהר וואָרט.
וויסט איז דער מדבר און ברייט און לאנג,—
פון וואנען קומט דער נעהיימער קלאנג
אין גאלדענעם זאמד ליגט א שטומע שלאנג,—
פון וואנען קומט דער געהיימער קלאנג..

.ער דארף זי נישט וועקען: זי איז ערוואכט,
זי איז וואך בייטאג, זי איז וואך ביינאכט.
צו יעדער צייט איז זי וואך און שטראהלט,
ווי א רויטער פייער פון שווארצען וואלד.
קראנק ווערט דער נזיר, און בלייך און אלט,
נאר אייביג יונג איז איהר שען געשטאלט..‟



שלמה גילבערט.

הינטער א דאָרף

(אידיליע).

אין א טאָל, אונטער א שטילען בלויען הימעל האָט דאָס דאָרף גערוהט.

און אונטער'ן דאָרף איז א וואַסערל געשטאַנען, א קליין שטיל וואַסערל, מיט א קלאָר־גרינעלען זאַמד־גרונד. און אַרום האָבען זיך פעלדער אויסגעשפּרייט. שטילע, גרין־זאַפטיגע פעלדער, און צוועקנעצווינגען זיך און פונאַנדערגעוויקעלט אין דער ברייטער וועלט אַריין.

אַלע אין דער פריה, ווען פון די וויַטע פעלדער האָט זיך אַ זון אויפגעהויבען, אַ ברייטע פרישע־רויטע זון, און קלאָרע גאָלד־פּאַליעס אויפ'ן שטילען נאַכט־הימעל אַרויסגעשווענקט, האָט זיך שוין פּיעטרעק מיט זיינע צוויי קיה בעוויזען.

נעהענען איז פּיעטרעק א קליין מענשעלע מיט א שמאָל קעפּעלע און אראָבגעפאלענע אַקסלען. דאָס פּנים'על קרענקליך־אויסגעשפּיצט, און אויגען קאַלעכיגע, בלויע, ווי ביי א קינד. זיין קליין בערדעלע אויסגעשטאַרט אויף פאָרענט און מיט עטליכע פערשפּיצינגט־נאַסע האָר קריכט עס איהם אין מויל אַריין, און פּעטרעק'ן האַרט דאָס נישט. ווי עס האַרען איהם נישט זיינע גלייכע פלאַקסענע האָר, וואָס פאַלען איהם אַראָב אויף זיין קורצען שטערן און שטעכען איהם אַריין אין די בלויע אויגען.

פּיעטרעק נעהט אין א וואַטענע קורטקע, וואָס ריגט אויף איהם קאַלעכיג, ווי א קעסעל, און דערגרייכט צו זיינע דינע באָרוויסע פיס־לעך; אין א בלוי־דאָרפיש היטעל, מיט אַ האַרט־גלאַנציגען דאַשיק, אויסגעבוינען, ווי א שנאָבעל.

אַלע פאַר־אַ־טאָג קומט פּיעטרעק מיט זיינע צוויי קיה אַרויס

פון דאָרף. די קיה נעהען פּאַמעלעך, מיט אַראָבגעלאָזענע קעפּ, ווי פערשלאָפען; ציהען אויס די העלזער און לאָזען אַרויס אין שטילען געגענד אַריין — צווישען שטילען טונקעלען נאַכט-הימעל און דער פעסט-געבעלדיגער ערד, אַ לאַנגען הילכיגען „גוט-מאָרגען". פעטרעק נעהט נאָך פון הינטען. ער לאָזט צו אויף אַ באָרוויסען פוס און האַלט אין איין האַנד אַ שטיק שוואַרץ ברויט, און אין דער צווייטער האַנד אַ שטיק ווייסען קעז.

זיינע קיה נעהען און נעהען אין פייכטען שטילען פריה-מאָרגען. זיי ווייסען שוין דעם וועג, זיי הויבען אויף די קעפּ, שמעלען אויס די נאָז-לעכער, שמעקען די שאַרפע פריה-מאָרגענדיגע לופט, וואַרפען מיט די עקען אויף די באַקעס, ביז זיי קומען אַרויס אויף אַ ווייך זאַפטיג פעלד, און נעהענדיג, לאָזען זיי אַראָב די קעפּ, פער-וואַרפען די שאַרכעוואַטע צינגער, רייסען אָב אַ גראָז, צוויי, ביז זיי שטעלען זיך אָב. פּיעטרעק שטעהט אין מיטען וואַלד. דער בלויער הימעל מיט'ן דאַשעק-שנאָבעל אָנגעדרעהט אָן צו זייט. ער עסט און איז שטאַרק פערטאָן מיט די קרישקעס קעז, וואָס פאַלען אַראָב אין די זייטען.

דאָרט ווייט טוט זיך אָב עפּיס גרויסעס! דאָרט אויפ'ן הימעל שטייט אויף אַ יונגער מלך, און די גאָלדענע טורעמס און פּאַלאַצען אַרום שטעהען פערלייך, ליכטיג און שטיל! ווי אַ ליבענדע, וואָס דערפיהלט אין מיטען שלאָף דעם וואַרעמען בליק פון איהר געליבטען איבער זיך, אזוי דערפיהלט די ערד דעם ליכטיג-וואַרעמען בליק פון דער זון איבער זיך. אַלץ הינטען כאַפּט זיך אויף מיט אַ פריי-ליך-לעבעדיגען גערויש און אין דער הויך ניט אָב אין מאָרגען-ליכט, ווי גאָלד-קלאַנגען.

פּיעטרעק ווערט פערטיג מיט'ן אָנבייסען, זעצט ער זיך אויף זיין שטענדיגען אָרט, און בעקומט פון ערגיץ-דאָרט זיין פייפעל. ער בעקוקט די לעכעלעך, קלאַפּט אויס אויף דער האַנד, פּרובט דורך די טענער, מאַכט זיך גלייך דעם שנאָבעל-דאַשעק אויפ'ן קאָפּ, וואַרפט אַ בליק אויף זיינע קיה, אויף די גרין-ליכטיגע פעלדער, קוקט אַרויף אין טיף-בלויען הימעל אַריין, אָפען דאָס מויל און דאָס פנים אויסגעצויגען, קרענקליך-פערבענקט. ער זיפצט אָב און נעהמט דאָס פייפעל צום מויל.

צום ערשטען שפּירט ער נישט דריי־סט, ווי ער וואָלט נישט גע-וואַגט צו שפּילען פאַר דער ליכטיגער שטילקייט, פאַר'ן אָפענעם

הימעל. צום ערשט ציהט ער גלייכע טענער, פראסטע און שמייכעל־דינע. באלד ניסען זיך קלארע, ווי זילבער־שטראמען אין א רוהיג טייכעל, און אמ פלעכטען זיי איך, טיף־קלאנגענדיגע, ווי ווי גאלד־םארבען.

און ארום וועבט זיך דער טאג. די פעלדער וואקסען איצט אין זייער מגושמ'דיגער קראפט. ווארימען זייערע ווייך־גראזיגע לייבער אויף דער שמעקעדיגער היץ, רוישען, און פייפען מיט אלער־ליי בעשעפעניגען און ווערים צווישען די גרעזער. נור דער הימעל אליין איז בלוי און קוקט אראב אויף דעם ערד־קינד, וואס לויפט און רעדט אויף אזעלכע גלייכע, פראסטע און הארציגע טענער. און די קיה הויבען אויף די קעפ, בלייבען שטעהן ווי פער־גליווערט אין מיטען קייען, קוקען אויף איהם א צייט מיט גרויסע גלעזער־אויגען, מיט אנגעשטעלטע אויערן, גיבען א טיפען ציה אין זיך ארײן די לופט, ווי א מענשליכער זיפץ, א לעק מיט דער צונג דעם סאמעטענעם פלעק פון באק, לאזען אראב די קעפ און רייסען ווייטער דאס גראז מיט די שארכעוואטע צינגער.

אט שטעהט שוין אין דער סאמער הויך, און אלץ הינטען אויף דער ערד בלייבט שטעהן און פערהאלט דעם אטעם. פיעטרעק ליגט אויפ'ן גראז, און דרעמעלט אזוי, מיט האלב־אפענע אויגען, און א האלבען שמייכעל פון היץ. און זיינע צוויי קיה ליגען. די געלע ברעמען האלב־צוגעמאכט, קייען מאנאטאנע און אטעמען מיט די גרויסע בייכער. פיעטרעק'ן ווערט פער'מיאוס'ט אזוי, הויבט ער אויף א האנד, נור די האנד פאלט איהם צוריק, שמייכעלט ער.. באלד הויבט ער זיך אן שפילען; ער וואלגערט זיך אויפ'ן גראז, פאטשט מיט די הענד, מיט די פיס, און שרייט ארויף, אויף א זא לײדיג קול, —האא—האא! — איז דער טייטש—אזא גרויסע היץ! אזא גרויסער, ליידיגער טאג!

און ווען די קיה ווילען טרינקען, געהען זיי גלייך צום וואסער'ל, ניט איינצוהאלטען זיי. און פיעטרעק כאפט זיך אויף פון היץ־דרעמעל, און שמייכעלט,—זיי ווילען שוין טרינקען.

ווען די קיה קומען נאהענט און דערפיהלען דאס וואסער, ציהען זיי אוים די העלזער און געהען גיכער, ביז זיי קומען אין מיטען וואסער'ל אריין, לאזען זיי אראב די קעפ, און ציהען אין זיך שטיל אריין דאס וואסער. פיעטרעק קוקט נאך, ווי זיי טרינקען, שאקעלט ער צו מיט'ן קאפ—יא, יא, זיי זענען דורשטיג! זיי ווילען טרינקען!

און ארום איז ליידיג, הייס און שטיל. און דער הימעל איז פערקרישעט און שטום פון היץ, און איבער די ברייטע פעלדער שווינדלען אונזעהענדיגע ווייסע פלאמען, און אלע גראזער, בוימער און געוויקסען שטעהען אונבעוועגט, ס'איז זיי שווער צו אטעמען, עט-אט כאפט זיי ארום א רויטער פלאם... און פון צייט צו צייט הערט זיך פון ערגיץ-וואו א קנאק, א היץ-שאס.

ווען די קיה זענען שוין אנגעטרונקען הויבען זיי אויף די קעפ, האלטען זיי איבער'ן וואסער. פון די ווייטען-מיילער ציהען זיך צוריק טראפ דינע שנירען שלאם-וואסער. זיי דרעהען זיך אום און געהען פאוואליע צוריק אין פעלד אריין. זיינע קיה ווייסען דעם וועג. פיעט-רעק שטעהט ביים וואסער. ער זעהט דעם געלען זאמד-גרונד, די שטילע פונקעלהייט פון וואסער, און דארט טיף זיין אייגענעם אב-שיין, שטעהט ער א ווילע פער'חידוש'ט, נור באלד צוקראצט ער דאס פנים און לאכט: —בי—בי-בי!— ער געהט אריין ביז אין מיטען וואסער'ל. דאס שטילע, קיהלע וואסער רינגעלט ארום זיינע נאקעטע פיס. לייכטע וואסער-שלענגעלעך שטיטען ארום און גלעטען פערביי זיינע נאקעטע פיס. פיעטרעק האט הנאה. שטעהט ער אזוי לאנג, עפען דאס מויל, און לאכט שטיל.

אין א יום-טוב-טאג קומען צו פיעטרעק'ן אויפ'ן פעלד ארויס די יונגלעך פון דארף. פיעטרעק געהט אין א ציינענע אובראניע. ער האט זיך היינט ריין אבגעוואשען, און איינצעלנע, שטייף-אבגעטרוקענטע האר קריכען ארום פון די פאות צום פנים. פיעטרעק שטעהט אין מיטען פעלד, צושפרייט די פיס, קוקט אן יעדען בעזונדער מיט גו-טע אויגען, שמייכעלט און זאגט הויך: היינט איז יום-טוב! זיין פנים ווערט ווי בעלויכטען, און ער הויבט אן רעדען און הייזען צום הי-מעל, דאס הייסט—א זעהסט, ווי הויך, ווי הויך! ס'איז ליכטיג און שטיל! א גאנצען טאג, א גאנצען טאג!

באלד נעהמט ער זיין פייפעל און ער רעדט און דערצעהלט אויף טענער, פון א גרויסען טיפען הימעל, פון א גרויסער ליכטיגקייט, וואס שרעקט, פון א הייליגער שטילקייט, און פון א קליין מענשעלע, וואס זעהט און הערט, און איז שטום און פערשראקען אין זיך.

דער חברה ארום איז פרעמד דאס שפילען, נור זיי פיהלען עפיס, קוקען זיי זיך אן און לאכען...

שפעטער אויפ'ן טאג, ווען די היץ הויבט אן אראבפאלען און די לופט אטעמט שוין, בעוויזען זיך איינצעלנע מענשען, יודען, וואס

געהען פון דארף צו דארף, די שטיוועל אויף אנ'עק שטעקען, ארי-
בערגעווארפען איבער די פלייצעס. אז פיעטרעק געדענקט, וואס די
שקצים לערנען איהם אין דארף, שרייט ער נאך:—א יוד! א יוד!—
ער זוכט אויס פון צווישען גראז א שטיינדעלע און גנב'עט זיך שטיל
אונטער. און אז ער געדענקט נישט, שטעהט ער. די הענד אויף
הינטען, און שמייכעלט צום דורכגעהער. און קוקט אויף איהם מיט
בלויע גוטע קינדער-אויגען, און זאגט הויך: גוט מארגען!—ער ווייזט
אן אויף די קיה. וואס פאשען זיך, און רעדט:—צוויי קיה, צוויי קיה—
דער דורכגעהער בלייבט שטעהן, און אטעמט אב. און פיעטרעק דער-
צעהלט א גאנצע מעשה. אז געוועזען זענען דריי קיה, איז איינע גע-
שטארבען, ווייל זי האט געהוסט, ווייל זי איז געווען קראנק—איז גע-
בליבען צוויי. פיעטרעק גיט נאך א מאל א קוק אויף זיינע קיה, ווי
זיי פאשען זיך, האט הנאה, און חזר'ט איבער: צוויי, צוויי!

און עס קומט אן א פארנאכט. די זון לאזט זיך אראב, ווי א
שטילער גאלד-שפיגעל, און אלץ הינטען הויבט אן רוהען נאכ'ן
גרויסען הייסען טאג.

די קיה ליגען אונבעוועגט, די קעפ אויסגעהויבען, ווי די ווייכע
פעלדער, זענען זייערע באקעס בעלויכטען.

פיעטרעק ליגט אויסגעצויגען, און ער זעהט: דארט נידערט
אראב פון הימעל א ברייטע זון, אנקוועלענדיג פון איהר איינענעם
שטילען גאלד, און דער האלבער הימעל דארט רוהט און א רויטען
שטילען נעבעל, און יענע פעלדער דארטען לייכטען ליכטיג און
שטיל, און וואס א מינוט ווערט די זון ברייטער, און יענע ליכטיגע
פעלדער ווערען שטילער...

פיעטרעק'ן דאכט זיך, אז ער ליגט אויך דארט. אויף יענעם
שטילען עק-וועלט. עס איז איהם אזוי גוט, ער פיהלט נישט די צייט.
ארום איהם און אין איהם איז ליכטיג און שטיל, אהן אנדערע...

א לייכטער זיסער ציטער טראגט זיך אדורך פון קאפ ביז פיס,
און פיעטרעק כאפט זיך אויף; די קיה ליגען, די קעפ אויסגעהויבען,
און די גרויסע אויגען בליאסקען מיט שטילען גאלד, זייערע בעלויכ-
טענע פנים'ער ווי פנים'ער פון אבגעטער...

פיעטרעק זעהט פון ווייטענס דאס דארף, זיין דארף, וואס ער
קען אזוי גוט פון קינדהייט אן. דינע בלויע שלענגלעך רויך געהען
שטיל אויף אויס'ן טונקעלען האלבען הימעל. ער דערהערט דאס
חמטע, היימליכע בילען פון די הינד, און דא ערגיץ אויף די פעל-

דער, הערט זיך פון צייט צו צייט אַנ'אײַנזאַמער טיפער פּיף, צי פון אַ פֿייגעל פֿאַר'ן איינשלאָפען, צי אַזוי פון נאָלדענעם פאַרנאַכט...

פּיעטרעק קרינט דאָס אַלץ אַזוי ליב, און ער קריכט לאַנג אַרום איבער'ן פעלד, ביז צום מיד ווערען.

די שטילע ליכטיגקייט האָט שוין דערגרייכט אַהער און פֿאַר-דעקט אַלע פעלדער, פּיעטרעק'ן און זיינע צוויי קיה.



י. מ. ניימאַן.

דאָס ליד פון דער גאולה.*)

— ווער ביזטו?
ווער ביזטו, ריז מיט'ן פאַקעל?
— אַנ'אָנזאָג פון'ם בורא הכל.
— דיין נאָמען?
— קדמון איז מיין נאָמען.
איך בין דער גייסט, וואָס כ'זעה ביז פון אַלע דורות־ענד
און לייכט און ברענד;
איך לעב מיט אַלע די געפעטער,
וואָס געוועזען און וואָס קומען נאָך מיר שפּעטער;
איך בין גאָט'ס שאָטען, וואָס בעגלייט אים שטום
איבעראַל און אומעטום.
— וואָס ווילסטו?
— איך וויל, וואָס כ'מוז און כ'מוז, וואָס כ'וויל!
— שטיל... שטיל...
— איך וויל אייך רעטען, איך וויל אייך טרייסטען
צו נייע טאַטען אייך ערדרייסטען,
איך וויל מיט קראַפט אייך שוין בעמאַנען
און נייע הימלען פאַר אייך שפּאַנען,
איך וויל ענטפּלעקען נייע וועלטען
פון'ם ליכט פון אויפגעהעלטען.
אָך זעהט, אָך זעהט די פלאַמען־שלענגלעך
אומפערלעשבאַר, אומפערגענגליך,

*) פון בוך „קדמון".

עס קומט דאָס ליכט — עס גליהט אייך לאַנג
איבּיג, איבּיג אָהן פערגאַנג,
אָהן אָנ'אָנהויב, אויסלאָז, ענר
א וואונדערבּאַרער פונק-נעבּלענר
פון אור-הגנוז...

אָך, ס'געשעהט איצט אונגעהויערעס,
ס'לייכטען, ס'טריפּלען די צנורות,
עס געהט באַלד אויף, געהילט אין קטורת,
די פייער-זון, דער מאור המאורות.
שוין פיהל איך ס'פלאַקערן, ס'פליהען, ס'צינרען,
קומט! כ'וועל אייך מיט מיין ווילען בינדען,
כ'וועל מיט מיין ווילען אייך פערוויקלען,
מיט ליבּע-בּענדער אייך פערשטריקלען,
מיט גאָלדענע אונצעהליג' קייטען
פיהרען אייך צו זעליגקייטען.

געהויבען זייט און העכער ווערט,
שוועבען זאָלט איהר ווייטער, הייטער, —
ס'איז מיין קערפּער איצט א לייטער
צו הויבען אייך אין הימלען פון דער ערד.
ערד און הימעל איז בּעהאַפטען,
ערד און הימעל איז געאייניגט;
דורכ'ן מענש דעם אויסגעהאַפטען
אויסגעלייטערט און גערייניגט,
גערייניגט אינ'ם ליידען-טיגעל,
אין דער קללה, אינ'ם עלבון —
אין שוץ פון מיינע אָדלער-פליגעל
פליהט מיר אין די הימעל-וועלבען.

געפאַלען זענען די מחיצות,
צעריסען זענען אַלע צוימען —
ס'יאָגען, ס'שלאָגען שטראַהלען-שטרוימען,
ס'יאָגען ס'שלאָגען שטרוימען-שטראַהלען —
די מחיצות שוין געפאַלען —

צושמעטערט זענען אלע שטײנער —
דאָס לאַנג פֿערפֿרעמדטע װערט אונז אײגען.
נעהם דײן אײגענס, נעהם בענץ עס,
אָדער כ'שלײדער און פֿערבלײץ עס.

װאָס מיר גלות, גורל־רינג,
װאָס מיר פֿלוך און קללה־קרײז ?
ס'קומט די גאולה, ס'קומט דערלײז
שפּרינג אַרויס פֿון גורל־רינג,
אין הויכען שטײג, אין טיפֿען דרינג !
מיט װיל־בעלעבטער יונגליכקײט
דרינג אין אומדורכדרינגליכקײט —
דרינג !
האָס קלענליכע אלטעגליכקײטען —
פֿאַס מעכטיגע אונמעגליכקײטען —
זינג !
צו אור־קװעלען שטרעק,
אור־געפֿיהלען װעק !

כ'בין שטאַרק איצט, כ'בין מעכטיג, װי אַ זון אין די גבורות,
הויך איבער הויכען, װאו געטליך דער שפּיר איז,
װאו לויטער די פֿאָרמען און רײניג די צורות,
װאו קלאָרער און װאָהרער און זעעליג איז ס'זײן —
אפֿילו דער שאָטען װערט מיר צו שײן !

פֿיהלט איהר, אָך, פֿיהלט איהר דאָס אינערע רופֿען,
פֿיהלט איהר, אָך, פֿיהלט איהר דעם מעכטיגען דראַנג !
שטײגט אין די הויכען, דרינגט אין די טיפֿען —
ברענגט מיר, אָך, ברענגט מיר דעם געטליכען פֿאַנג,
די גאָלדענע פֿעדים
פֿון זינגען קדם !

זעהט—זעהט —
ס'געשעהט !
עס שפּרײט זיך אויס אַ װײטער שטח —

דאָס האָב בעוועהט איך,
איך בעהויך עס —
ס'פֿאַלט אַ פרוכת
אַ לאַנד בעוויַיזט זיך,
און איך בין דאָרט און איך וויַיל עס
אינ'ם לאַנד פֿון לויטער תכלת,
און איך וויַיל עס און איך וואוין עס
אינ'ם לאַנד פֿון די חזיונות,
און איך פיהל עס און איך פֿיהל עס
די אצילות.
ווי לויטער ס'שיַינט, ווי זאַנפט דער קוואַל איז —
אַ שעה פֿון זעליגער התגלות!
מיַין קערפּער איז זעעליג, און זעעליג דער גײַסט אין —
איך בין איצט מחדש די מעשי-בראשית!
פֿיהלט איהר דאָס רופֿען,
פֿיהלט איהר דעם דראַנג,
די הויכען, די טיפֿען —
דעם פֿאַנג?

זעהט — זעהט — איך האָב זיי די פֿייגעלים
פֿון זוניגען קדם!

נעהמט זיי! אָך, נעהמט זיי —
די שטראַהלענדע שטרוימען,
פֿאַנגט זיי, פֿערלאַנגט זיי —
אין אונענדליכע רוימען!

לאָמיר די פֿערדים
שפּינען, פֿערוועבען —
אין עולמות הויכע
שווימען און שוועבען

אַהינצו, וואו ס'בלינצען
די קוואַלען צופֿלַיסען,
די הימלען — צוקאָפּען,
די ערד אונז צופֿיסען.

איך פיהר אײַך פֿון דונקעל,
איך רײַס אײַך די קײטען —
זאָל פֿעדים־געפֿינקעל
אײַן ווײַטען אײַך לײַטען!

האַלט איהם, אָך, האַלט איהם
דעם געטליכען פֿאָדעם —
זעה — איך ענטפֿאַלט איהם,
כ'בעשײַן איהם, בעגנאָד איהם!

כ'בין פֿאָטער, כ'בין צוינגער
און נעהרענדע אַם,
כ'בין זעטער און זוינגער
און צעהרענדע פֿלאַם.

צוזאַמען, צוזאַמען
געגאַרטעלט, געקײטעלט —
די פנים'ר פֿלאַמען
געצערטעלט, גערײַטעלט.

זײַט מיר געלײַטערט
אין זוניגען גלאַנץ,
טאַנצט מיר געהײַטערט
דעם הײליגען טאַנץ:

הללויה! הללויה!
גרויס איז די שעה
די גאולה איז דאָ!

הללויה! הללויה!
גרויס איז די שעה!
די גאולה איז דאָ!

חשון, תרע"ש.

פּרצ׳ס „פֿאָלקסטימלעכע געשיכטע״
און נסתּר׳ס „מעשה׳לעך״ *)

צווישען פּרצ׳ס „פֿאָלקסטימליכע געשיכטען״ און נסתּר׳ס
מעשה׳לעך״ ליגט אַ שטיק מהלך.

אַ מהלך ניט נאָר אַ ריין קינסטלערישער, אַן׳אונטערשיד
ניט נאָר אין דער אויפֿפֿאַסונג, נאָר אויך אַ טיף-אינערליכער.

פֿערשידען און פֿערשידענאַרטיג זענען זיי אין זייער עצם
און תּוך, און זיי צייכנען אָן גאַנץ באַזונדערע תּקופֿות אין דער
געשיכטע פֿון אונזער מאָדערנעם שאַפֿען און אויסער דעם, ניט
קוקענדיג אויף זייער נאָהנטקייט, שטאַמען זיי פֿון גאַנץ באַזונדערע
קוואַלען.

בכלל ווייסען מיר וועגען איין פֿאָלקס-שאַפֿונג און וועגען
איין פֿאָלקס-מעשה, אָבער עס איז ניט ריכטיג. זיפֿען מיר זיך
איין אין די פֿערשידענע מעשיות, זעהען מיר, ווי פֿערשידען עס
זענען די עלעמענטען, פֿון וועלכע זיי באַשטעהען און ווי פֿערשידען
עס איז זייער שטאַם. מיר קענען דער עיקר די רעליגיעזע פֿאָלקס-
מעשה, וואָס איז אין פֿערשידענע צייטען געשאַפֿען און פֿער-
פֿאַסט געוואָרען. אונזער מעשיות-פֿאָרשונג בכלל שטעהט נאָך אויף
אַ גאַנץ נידריגער שטופֿע און מיר האָבען צו טון דאָס רוב מיט
דער פֿערשריבענער, פֿערפֿאַסטער מעשה. און אַזוי ווי מיר זענען
געווען ביז ערשט ניט לאַנג פֿון קאָפּ ביז די פֿיס אין אַלע ווינ-
קעלעך פֿון אונזער לעבען, אין אַלע אונזערע וואָכעדיגע און יום-
טוב׳דיגע מעשים רעליגיעז, פֿרום, גאָטספֿאָרכטיג, זענען דורך די
מקורבים פֿון אונזערע צדיקים, גוטע-ייִדען צונויפֿגענומען געוואָרען
די רעליגיעזע פֿאָלקס-שאַפֿונג אין כּסידישע פֿאָרמען, פֿון שבחי

*) דער נסתּר, מעשה׳לעך, ערשינען אין „קיִעווער פֿערלאַג״ 1917.

בעש"ט, ספּורי-נפֿלאות, מעשה נורא א. א. וו. און פֿון אָט די קוועלען האָבען מיר גענומען שעפּען אונזער פֿאָלקס-שאַפֿונג, און אונזערע זאַמלער, דיכטער און קינסטלער האָבען אָט דעם שטאָף בעקומען פֿאַר זייער דיכטערישע און קינסטלערישע אַרבייט.

עס איז בכלל זייער א וויכטיגע אויפֿגאַבע פֿאַר פֿילאָלאָגען און ליטעראַטור-פֿאָרשער אויפֿצוזוכען דעם היסטאָרישען ענטשטעהן און ענטוויקלען פֿון אונזער פֿאָלקס-שאַפֿונג, זיך אָבשטעלען גענויער אויף די עלעמענטען פֿון די פֿאָלקס-מעשׂיות און דערקלערען די אמת'ע קוואַלען, פֿון וואַנען זיי שטאַמען. מיר בעגנוגענען זיך מיט אייניגע בעמערקונגען, כּדי אונטערצושטרייכען דעם אונטערשיד צווישען פּרץ'ס פֿאָלקס-שאַפֿונג און נסתּר'ס און דערמיט בולט'ער כאַראַקטעריזירען די „פֿאָלקסטימליכע געשיכטען" און די „מעשׂה'לעך".

אין די לעצטע צעהנדליגער יאָהרען האָט זיך ביי אַלע פֿעלקער און איבעראַהויפּט ביי די קליינע און צווישען זיי אויך ביי יודען בעוויזען א בעזונדער אינטערעס צו פֿאָלקס-שאַפֿונג. דער קאָסמאָפּאָליטיזם אין קונסט האָט דאַן געפּלאַצט, און דער דראַנג נאָך דעם איינגענאַרטיגען קאָלאָריט און סטיל האָט זיך זייער פֿערשטאַרקט. מען האָט אָבגעקערעוועט פֿון די ברייטע קאָסמאָפּאָליטישע וועגען און זיך איינגעקלאָזט אין די אייגענע שמאָלע ווינקעלעך. מען האָט זיך געצויגען צו די פּרימיטיווע פֿאָלקס-שאַפֿונגען, וואָס האָבען זיך דורות-לאַנג געוועבט אין דער פֿאָלקס-פֿאַנטאַזיע, וואו עס איז געלעגען דער כאַראַקטער פֿונ'ם פֿאָלק, זיין לעבענס-נוסח און עס האָבען זיך אָבגעשפּיגעלט אַלע קניימשען פֿונ'ם פֿאָלקס-פּרצוף און עס האָבען זיך געהערט די אמת'ע טריט פֿון דעם אַמאָליגע פֿערגאַנגענע אונמיטעלבאַרע לעבען. די פֿאָלקס-שאַפֿונג איז געווען אַן אמת'ער אוצר פֿון פֿאָלקס-פֿאַנטאַזיע, פֿון פֿאָלקס-מאָטיווען און איינצייטיג געווען דער וועג-ווייזער פֿון סטיל, פֿאָרם און קונסט-נוסח און פֿון דער נאַאיווער פֿאָלקס-מעשׂה האָט אַראָבגעשיינט אויף די וועלקליכע מאָדערנע אימפּולסען פֿון די איצטיגע דיכטער.

גאַנץ אַנדערש איז געווען מיט דער יודישער פֿאָלקס-שאַפֿונג. דאָס יודישע פֿאָלק האָט איבערגעלעבט אַ קינדהייט נאָך מיטעלאַלטער. גאָר אַמאָל, אין דער פֿערגאַנגענהייט, האָט דאָס יודישע פֿאָלק דורכגעלעבט אַ גאַנץ רייך קולטורעל לעבען מיט גענוג געשטעלטע פֿאָרמען, מיט בעשטימטע עטישע דאָגמען, מיט פֿערענ-

דיגטע מאַראַלע בעגריפֿען און אפילו מיט א אייגענעם, אייגענאַר-טיגען קינסטלער-שען סטיל. און ווען דאָס פֿאָלק האָט גענומען פֿון ס'ניי שאַפֿען, שאַפֿען אינטימערבאַר, בענעהמען וועלט און מענש, גאָט און לעבען, האָט עס שוין געהאַט פֿערטיגע בעגריפֿען און גרינדליכע געזעצען. און אַזוי האָט זיך געפֿלאָנטערט אין'ם פֿאָלק, אין זיין לעבען און אין זיין שאַפֿונג, אונמיטעלבאַרע איינ-דרוקען מיט געשטעלטע דאָגמען, נאַאיווע, פּרימיטיווע פֿאָרשטעלונ-גען מיט גייסט-רייכען, פֿערוויקעלטען אינהאַלט, פּשוט'ע, האַרציגער וועלטליכער עלעמענט מיט'ן יודישען פֿערעלטערטען מוסר-השכל און מיט פֿערטיגע פּסוקים. אפילו די חיות און עופֿות האָבען גע-זונגען שירה מיט פּסוקים. און אַזוי האָט זיך איינגעוועבט אין דער נייער פֿאָלקס-פֿאַנטאַזיע דער פֿערעלטערטער, רעליגיעזער עלעמענט, און די אַלע מעשיות זענען פֿערבונדען מיט צדיקים, מופֿתים, נסים ונפֿלאות, מיט זינדיגע און בעלי-תשובה, מיט נסיון א. א וו. אָבער אויסער דער שטרענג-רעליגיעזער מעשה, וואָס האָט צו טון מיט'ן פֿערגעטערן פֿון צדיקים, ל"ו'ניקעס, מיט שכר ועונש, מיט גיהנים און גן עדן, זענען געווען בײַם יודישען פֿאָלק וועלטליכע אימפּולסען, וואָס האָבען זיך געריסען אין אַן אַנדער זייט, אין דער זייט פֿון דער רעאַלער,ווירקליכער וועלט. עס האָ-בען זיך געוועקט געשטאַלטען און שילדערונגען, וואָס האָבען אַ שייכות צו דער אַרומיגקייט, צום אַרומיגען לעבען, צו מענשען און חיות. אויב די הייליגע ספּורי-מעשיות זענען געשאַפֿען, געוואָרען אין בית-המדרש, זענען די וועלטליכע געשאַפֿען געוואָרען מעהר אין שטוב דורך דער מוטער בײַם קינד'ס וויגעלע, אָדער דורך קינדער בײַם שפּילען, און אָט די מעשה'לעך פֿערמאָגען מעהר קינדישקייט, מעהר ציכטיגע זויבערקייט, מעהר ערדישקייט, מעהר שטיפֿערישע האַנדלונג, מעהר קלות-ראש, אָהן דעם מוסר-השכל, אָהן דער אָנגעצויגענער יראת-שמים. אין די רעליגיעזע פֿאָלקס-טימליכע געשיכטע הערשט דער עיקר דער דידאַקטישער עלע-מענט, אין דער וועלטליכער — איז פֿאַראַן מעהר אויסערליכע בילדליכקייט, מעהר [illegible]. אין די ערשטע איז די שפּראַך מעהר א לשון-קודש'דיגע, און די צווייטע — מעהר אַ יודישע.

און [illegible] בײַם זענען די רעליגיעזע פֿאָלקס-מעשיות פֿערהאַרטעוועט געוואָרען דורך זייער [illegible]. ווי געזאָגט, זע-גען די רעליגיעזע מעשיות פֿון לאַנג צוזאַמענגעשטעלט און פֿער-

שרײַבען געוואָרען, נאָך איידער מיר האָבען געהאַט וואָסער ס'איז אַהנונג וועגען קונסט און ליטעראַטור. און דאָס האָט געוויס גע-ווירקט אויף איהם. מיר האָבען זי שוין באַקומען אַ פֿערפֿאַסטע און פֿערגאַנצטע, די מעשה גיט זיך שוין ניט איבער מפּה אל פּה, זי ענטוויקעלט זיך שוין ניט און פֿערענדערט זיך ניט. ווען די מעשה איז אַ מאָל אין בוך, האָט זיך איהר לעבען פֿערענ-דיגט און געוואָרען אַ שטיק ליטעראַטור. אַנדערש איז מיט דער וועלטליכער מעשה, זי איז נאָך אַלץ פֿערבליבען אַ מעשה שבעל פּה און אַזוי אַרום איז זי געוואַקסען צוזאַמען מיט דער פֿאָלקס-פֿאַנטאַזיע, אײַנגעזאַפּט אין זיך די אַלע פֿריש-צופֿליהענדיגע נײַעס און קנעפּשטען פֿון דאָס מאַט-שטעטלדיגע לעבען, זי איז געוואַקסען און זיך ענטוויקעלט, זיך געביטען און פֿערענדערט צוזאַמען מיט די פֿאָרשטעלונגען, אײַנדרוקען און פֿערענדערונגען פֿון דאָס לע-בען. די וועלטליכע מעשה איז לויט איהר עצם מעהר פֿערבונדען מיט דעם מאָדערנעם לעבען, מיט די וועלטליכע פֿאָרשטעלונגען און באַגריפֿען אויך מיט דעם וועלטליכען לעבענס-גײַסט. חוץ דעם, איז אין די וועלטליכע מעשה'לעך פֿאַראַן מעהר קינסטליכער עלעמענט, ווײַל אין די מעשה'לעך איז פֿאַראַן מעהר ווירקונג פֿון דער פֿרעמד, פֿון די אַרומיגע פֿעלקער, פֿון די פֿרעמדע קול-טורען, און זיי זענען דעריבער מעהר פֿײַנע, אַבענטייערישע און פֿערוועלטליכטע.

פּרץ איז פֿריהער געשטאַנען ווײַט פֿון דער פֿאָלקס-שטימונג. ער איז ערשט שפּעטער צו איהר צוגעקומען, ער איז געווען פֿרי-הער דער משכּיל, דער טרעגער דער נײַער השכּלה. ער האָט אָנגע-הויבען זײַן שעפֿערישקייט אין יודישען לעבען, באַקעמפֿען ענטוויקלונג פֿון'ם פֿאָלקס-גײַסט, דערנאָך פֿון חסידות — און צום סוף פֿון די פֿאָלקסטימליכע געשיכטען. פּרץ בכלל איז ניט געווען קיין מיס-טיקער, ער איז ניט געקומען צו חסידות, צו פֿאָלקסטימליכקייט פֿון אינערליכען געפֿיהל און רעליגיעזער עקסטאַזע. פּרץ איז דאָ ניט געוואָרען פֿערפֿיהרט דורך דער חסידישער וואונדער-שײַן, זײַן פּנים פֿערשטעלט ער ניט פֿון דער וואונדערליכקייטער שײַן און זײַן באַוואוסטזײַן פֿערלירט ער ניט. קלאָר און רוהיג איז זײַן וועג און שאַרף זײַן נאַכטער אין זײַן בליק. פּרץ איז געקומען צו די פֿאָלקסטימליכע געשיכטען דורך אינערליכען באַוואוסטזײַן, נאָ-קומען אַנ'ענטציקטער פֿון דער הערליכער שיינקייט, געקומען ווי

אַ מײַסטער, מעהר אַלס אַ מײַסטער װי אַ דיכטער, און מיט מײַסטערשאַפֿט פֿערפֿײַנערט, בעצירט, אַרומגעשלײַפֿט, פֿערגאַנצט די פֿאָלקס־מעשה און צוגעגעבען איהר מעהר שאַרפֿקײַט און שטײַפֿקײַט. די מעשה אָבער איז אין תוך פֿערבליבען לעבען מיט איהרע הױפּט עלעמענטען: מיטעל־אַלטערישען אינהאַלט, דיראַקטישע אױספֿיהרען און אַלט־פֿרענקישען נוסח. פּרץ איז געװען געבונדען צום מקור, צום פֿערטיגען שטאָף און אָפֿטמאָל איז שװער אָנצוװײַזען אין פּרץ׳ס מעשה, װאו עס ענדיגט זיך די פֿאָלקס־שאַפֿונג און װאו עס הױבט זיך אָן פּרץ. אָפֿט טראַכטען מיר, אַז פּרץ איז געקומען צו די פֿאָלקס־קװאַלען און װי געזוכט אָברוה פֿאַר זיך, פֿאַר זײַן זוכענדיגע, דורשטיגע נשמה. ער פֿערשלעפֿערט זײַן אינערליכען ברען, זײַן מאָדערנעם גלות און ציהט זיך מיט בענקשאַפֿט צו די טיפֿענישען פֿון פֿאָלקס־שאַפֿונג. ער רוקט אָב אָן אַ זײַט זײַן װעלט און װעזען און לעבט מיט דער מעשה איהר לעבען, ציהט װײַטער די פֿעדים, װאָס זענען פֿערװעבט אין דעם פֿאָלקס־געװעב.

און אָפֿטמאָל כאַפּט זיך אױף פּרץ פֿון דעם קינסטלערישען דרימלען און װערט װידער מונטער, ניכטער, און גיט צו אַ װאָרט און מיר דערקענען װידער דעם מאָדערנעם פּרץ, װאָס איז װײַט פֿון דער געשילדערטער װעלט און מיר פֿיהלען װידער, אַז פּרץ לעבט אין אַן אַנדער װעלט, און די מעשה איז פֿאַר איהם נישט מעהר װי שטאָף, שאַפֿונג־מאַטעריאַל, אָבער נישט קײן אינטימע אײגענע װעלט. ער איז דורכאױס בעװאוסטזיניג און צופֿיל װאַכעדיג, און נישט אין דעם סוד פֿון דער מעשה, נישט אין איהר פֿערבאָרגענעם שלײער לעבט זײַן פֿאַנטאַזיע, נאָר דער עיקר אין דעם אױסערליכען בליץ, אין די קינסטלערישע פֿאַרבען, אין געדאַנקליכען אױפֿטו, אין דער אַנטיטעזע, — דאָס אַלעס פֿערראַטט פּרץ׳ן און רופֿט אַרױס זײַן שעפֿערישע עמאָציע.

פּרץ האָט בכלל אין דער יודישער פֿאָלקס־שאַפֿונג געשפּירט די מריט פֿון דער מאָדערנער יודישער קולטור. עס איז געװען אײנ׳ס ברען פֿון דער נאַציאָנאַלער אױפֿלעבונג, דער אָפֿיציעלער ציוניזם האָט זיך דאַן ברײט פֿונאַנדערגעװאַקסען און האָט בעקומען ברײטע האָריזאָנטען, און דער זעלבער צײַט האָבען זיך ערגיץ אין די װינקעלעך אָנגעהױבען אַרױסצוװײַזען שװאַכינקע פֿלאַנצונגען פֿון יודישער קולטור, צװאָרפֿען און צופֿעליג ערװעקט זיך דער אינ־

טערעם צוּ פאָלקס-שאַפוּנג אִין פערשידענע קרייזלעך אוּן עֶס הויבּט זִיךְ אָן דִי וואַקלענדיגע אוּן נִישט-זיכערע פּראָבען צוּ זאַמלען פאָלקס-לידער, פאָלקס-מעשׂיות. אַרוּם פּרצ׳ן אוּן אַ דאַנק פּרצ׳ן הויבּט זִיךְ אָן אַנ׳ערנסטע בּעציהוּנג צוּ דער פאָלקס שאַפוּנג אוּן עֶס שאַפט זִיךְ דִי גייסטיגע שטימוּנג. פּרצ׳ס שטוּב ווערט דער בּית-היוצר פאַר דער פאָלקס-נשמה, וואָס האָט געלעבּט אִין דער פאָלקס-מעשׂה, פאָלקס-ליד. „דִי נשמה — זאָגט ה. ד. נאָמבּערג אִין זיינע ערינערוּנגען — געדענק אִיךְ, ווען זִי אִיז נאָךְ געווען נאַקעט, ווען זִי האָט נאָךְ נִישט געוואוּסט פוּן קוּלטוּרעלע אויטאָנאָמיע אוּן פוּן דעם הייִנטיגען יודישיזם. דִי נשמה האָט אַרוּמגעשוועבּט יעדען שבּת אִין פּרצ׳ס וואוינוּנג אויף ציגעלנאַ 1, ווען מיר האָבּען געלערנט אוּן געזוּנגען דִי ערשטע פאָלקס לידער, געשעפּט פוּן קוואַל, פוּן דִי קעלערס אויף סמאָטשאַ גאַס אִין פוּן דִי אַלְטען פוּן זאַקסישען גאָרטען, ווען דִי פּראָסטע ווערטער אוּן דִי אָרימע מעלאָדיען זענען פערוואַנדעלט געוואָרען אִין אוֹראַגאַנען פוּן בּעגייסטערוּנג, ווען פּרץ האָט זִיךְ דערפילט פאַר אַ בּעזיצער פוּן אַ גייִעם אמת — דער אמת וועגען אַ לעבּעדיגען מענשליךְ שאַפענדיגען יודישען פאָלק“. פּרץ אָבּער האָט זִיךְ גלייך געוואָרפען צוּ דעם פערטיגען שטאָף, צוּ דעם פערפאַסטען אוּן אָבּגעדרוּקטען. פּרץ קוּמט צוּ דער פערטיגער מעשׂה אוּן זעהט זִי, פערנעהמט זִי דער עיקר פוּן דִי פערפערטיגטע פאָלקס-בּיכלעך פוּן פערשידענע צייטען. ער ווערט איינצייטיג דער זאַמלער, דער פאָרשער אוּן דער דיכטער. ער גיט זִיךְ איבּער מיט לייבּ אוּן לעבּען אוּן טראָגט אַריין אִין דער אַרבּייט זיין גליהענדיגע בּעגייסטערוּנג. „צוּגלייך מיט מדרשים אוּן תּלמודישע ספרים — דערציילט ליפּמאַן לעווין — האָבּען זִיךְ אויף דִי בּיכער-פּאָליצעס פוּן זיין עטאַזשערקע אוּן אויף זיין שרייבּטיש חבר׳דיג אַרוּמגענוּמען אוּן זִיךְ בּעהעפט אַלטע יודישע קונטרסים אוּן ספּוּרים, תּחנות, בּבא-מעשׂיות, ספּוּרי-נפלאות, ערצעהלוּנגען פוּן גוּטע יודען. פוּן פאַרצייטען. אִיז עֶס נאָךְ ווייניג, בּעט ער כּסדר: דערצעהלט עפּיס אַ מעשׂה פוּן אַמאָל, אפשר ווייסט מען אַ פאָלקס ליד, צִי האָט מען געהערט אַ פאָלקס-לעגענדע... אַמאָל אִין אַ פאַרנאַכט הויבּט אָן דינעזאָן צוּ דערצעהלען. ער חיים מעשׂיות... פּרץ שפּאַרט אוּנטער דעם קאָפּ. דִי אויגען זענען גרוֹיס אויסגעשטעלט אויף דינעזאָנען, דרינגען איהם דוּרךְ, געהען נאָךְ אַלע זיינע תּנוּעות אוּן בּעוועגוּנגען אוּן ער האָט פער-

און פּרץ האָט געזוכט אומעטום די ציגעל צום בנין. די ציגעל זענען געװען די אַלטע פֿאַרפֿאַסטע חסידישע מעשיות, די פֿאַרשײדענע ספּורי־נפֿלאָות. און פּרץ האָט פֿון זײ אַרױסגעצױגן די פֿאָלק־נשמה און געזוכט צו שאַפֿן די גאָלדענע קײט צװישען דער אַלטער, פֿאַרגאַנגענער קולטור מיט דער נײַער. פּרץ האָט אַלץ געזוכט צו פֿאַראײביגן דאָס אַװעקגײענדיגע, אַרױסצוגעפֿינען דאָרט דעם לעבעדיגן גײַסט און פֿערטיפֿן און דערהױבן די מעשה ביז צום סימבאָל.

פּרץ'ס שטוב װערט דער בית־היוצר פֿאַר דער פֿאָלקס־נשמה, װאָס האָט געלעבט אין דער פֿאָלקס־מעשה, פֿאָלקס־ליד. „די נשמה — זאָגט ד. ה. נאָמבערג אין זײַנע ערינערונגען — געדענק איך, װען זי איז נאָך געװען נאַקעט, װען זי האָט נאָך נישט געװאָקסט פֿון קולטור־עלעמענטן און פֿון דעם הײַנטיגן יודישיזם. די נשמה האָט אַרומגעשװעבט יעדן שבת אין פּרץ'ס װאױנונג אױף ציגעלנאַ 1. װען מיר האָבן געלערנט און געזונגען די ערשטע פֿאָלקס־לידער, געשעפּט פֿון קװאַל פֿון די קעלערס אױף סמאָטשע גאַס און פֿון די אַלטע, פֿון זאַקסישן גאָרטן, װוּ די פּראַכטיגע װערטער און די אָרימע מעלאָדיען זענען פֿאַרװאַנדלט געװאָרן אין אָרגאַנס פֿון באַגײַסטערונג. װען פּרץ האָט זיך דערפֿילט פֿאַר אַ באַזיצער פֿון אַ נײַעם אמת — דער אמת װעגן אַ לעבעדיגן מענשליך שאַפֿענדיגן יודישן פֿאָלק". פּרץ אָבער האָט זיך גלײַך געװאָרפֿן צו דעם פֿערטיגן שטאָף, צו דעם פֿאַרפֿאַסטן און אָבגעדרוקטן. פּרץ קומט צו דער פֿערטיגער מעשה און זעהט זי, פֿאַרנעמט זיך דער עיקר פֿון די פֿאַרפֿאַרטיגטע פֿאָלקס־ביכלעך פֿון פֿאַרשידענע צײַטן. ער װערט אײַנצײַטיג דער זאַמלער, דער פֿאָרשער און דער דיכטער.

און דערמיט שײדט זיך אָב פּרץ פֿון די אַלטע, װאָס האָבן ביז איהם דערצעהלט פֿאָלקס־מעשיות. ער דערהױבט די מעשה, טריפֿט אַרײַן אין איהר דעם גליהענדיגן גײַסט, און די מעשה קלינגט שױן אָב מיט טיפֿערס, דערהױבענערס. אָפֿטמאָל נעמט פּרץ די שאָטענס פֿון די מענשען, די נשמה זײערע, די װירקליכע געשטאַלטען, די פּשוטע ספּור־המעשה געהט אָב אין אַ זײַט און עס װאַקסט אױס דער סימבאָל, דער סוף־מעשה, דער מאי קא משמע לן, דער סוד פֿון דער מעשה.

פּרץ'ס גײַסט האָט זיך געצויגן צו דער פֿאָלקס־מעשׂה אויך
דערפֿאַר, ווײַל אין לעבן אַרום איז געווען אַזוי אָרים און וואָ־
בענדיג, גרוי און אײַנאַרטיג. פּרץ האָט זיך שרעקליך געמאַטערט
אין זײַן אַרומיגער סביבה און האָט געוואָלט עפּעס אַנדערש, נײַערס
און מיט באַזונדער ליבע האָט איהם באַצויגן די וואונדער־וועלט,
די וועלט פֿון מופֿתים, צדיקים, גן־עדן, מלאך הדומה א. אַז. וו.
בײַ אונז אין שטעדטיל — קלאָגט זיך עמיץ בײַ פּרצ'ן אין אַ מעשׂה
— איז כמעט קיינער קיינמאָל נישט רעכט געשטאָרבען, ווײַל
עס האָט קיינער נישט רעכט געלעבט! נישט קיין גוטע, נישט קיין
שלעכטע, קיין רשעים, קיין צדיקים. („די טויטע שטאָדט"). און
אין דעם לעבען פֿון אַמאָליגע דורות געפֿינט ער מסירת־נפֿש,
קדוש השם. פּרץ זוכט אַזוי אַרום דאָס איבערמענשליכע אין דער
מעשׂה, דאָס וואונדערליכע. נאָר אין ווייניג מעשׂיות („אויב נישט
העכער") ציהט פּרץ פֿון הימלישער הויך צו ערדישעס, צום ווירק־
ליכען אונמיטעלבאַרען לעבען. אָבער דאָ קלוגט זיך שוין דער
ליטוואַק.

נסתּר איז אפֿשר דער ערשטער, וואָס האָט אונז געגעבען
די וועלטליכע פֿאָלקס־מעשׂה. ער האָט מיט אַמאָל אַראָפּ־
געוואָרפֿען דעם רעליגיעזען פּלאַסט און פֿיהרט גלייך אַרײַן אינ'ם
נײַעם פֿאָלקסטימליכען עפּאָס. וואָס האָט לחלוטין קיין שייכות
נישט צו די פֿאַרעלטערטע, קאַנאָניזירטע מאָטיוון, וואָס פֿילען
אָן די אַלטע יודישע מעשׂה. ער ברענגט אַרײַן נײַע העלדען אין
דער פֿאָלקס־מעשׂה: אַ ציגעלע, אַ הינד, אַ האָן, מיזעלע־מייזעלע,
מענשליכע שדים און לצים א. אַז. וו. דער עפּאָס ציהט
זײַן יניקה נישט פֿון די הייליגע ספֿרים נישט פֿון די מוסר־
משלים, נאָר דער עיקר פֿון לעבעדיגען פֿאָלקסטימליכען קוואַל,
פֿון דער יודישער פֿאַנטאַזיע, פֿון דער פֿאַנטאַזיע שבעל־פּה.

אַלײן אַ קינד פֿון דער האַרציגער וואָלינישער חסידות־
וואָס האָט אין משך פֿון דורות געשאַפֿען אַן אייגענעם לעבענס־
נוסח, מיט אינערליכער האַרמאָניע, מיט עכטער רוהיגקייט און
באַהאַרציגער שיינקייט. האָט נסתּר אײַנגעזאַפּט אין זיך די זוי־
בערקייט. דעם ווײַטען אָפּקלאַנג, דעם ווײַטען אָפּבילד פֿון יודי־
שער אינערליכער שעפֿערישען לעבען, שוין אָפּגעשטעלט פֿונ'ם
אויסערליכען לבוש און אויסערליכער פֿאָרם. דאָס אַלטע לע־

בעת זעהט ער שוין נאָר אין ווייטע טרוים אין גאַנצען איז ער בעהעפט מיט די וועלטליכע פאָרמען, בעפרייט פון די יודישע דאַגטען און פערבינדען צום יודישען קאָלאָריט. צום זיעבטען חן פון יודישער טרוימישער וועלט. פון קינדהייט אָן געזוינגען פונ'ם קוואל פון ל ע ב ע ד י ג ע ר וואָלינישער חסידות, פון קינדהייט אָן איינגעזאַפּט אין זיך איהר צנועה'דיגע תמימות'דיגע, האַרמאָ-נישע שעהנקייט. אין דער יוגענד געשעפּט פון וועלט-ביכער שעהנקייט אין נייע פאָרמען, פאַנטאַזיע פון נייעם סטיל, און אין דער יונגער נשמה האָט זיך אָנגעהויבען דער פלאָנטער: איינענע בעשיידענע שעהנקייט מיט איבעראַשענדיגע פון דער פרעמד, איינענע אויסגעטראָגענע, שטילע חלומות מיט אויסערע געוואַלטי-גע פאַנטאַסטען-וועלטען. דער שטילער, פאַר'חלומטער טרוים פון איינענעם טייכעל און וועלדיל און דער ווילדער ימים-שטראָם. און אַזוי האָט געפּרובט און אַלץ געזוכט אינם אויסדרוק פאָרמען.

ער האָט זיך געריסען צו דער עכטער יודישער פאָרם, צום אמת'ן יודישען סטיל און אַלץ נישט געקענט צוקומען. דער אַלטער יודי-שער אינהאַלט איז שוין פאַר איהם געווען אַ אָפּגעשטאָרבענער און ער האָט אַלץ געזוכט דעם נייעם דעם פרישען. אין האַר, האָט געלעבט דער גרויסער כאַאָס פון ווילען און שטרעבונגען, פון רייסעניש און אונצופרידענהייט. עס זענען געבוירען בילדער, פאַר-שטעלונגען, איינדרוקען און פאַנטאַזיען און נישט בעקומען זייער ריכטיגע פאַרקערפּערונג. און פון נעבעלדיגען שאַפען הויבט שוין אָן אַראָפּשיינען, עס שניידען זיך דורך די לעצטע שטראַהלע-אינ'ם עכט-יודישען געהייליגטען סטיל, אין דער פּראַכטפאָל — האַרמאָנישער שפּראַך בעווייזט זיך איין מעשה נאָך דער אַנדע-רער, וואָס אַנטציקען אונז. דוכט זיך גאַנץ איינענאַרטיגער פער זענליכער סטיל, איינענאַרטיגער פערזענליכער קאָלאָריט, אָבער מיר פיהלען דעם ריטמישען קאָלאָריט, די קלאַסישע פשטות און דעם הייליגען עפּס. וואָס נאָר אַ גאַנץ פאָלק איז ביכלל עס צו-שאַפען. אויב דאָס פאָלק האָט נישט געשאַפען די מעשה'לאַך. דאַרף עס זיי שאַפען און איז מסוגל זיי צו שאַפען.

נסתר האָט אויפגעעפענט אַ נייעם קוואַל פון וועלטליכע פאָלקס-שאַפונג. דורך איינענע זוכעניש, דורך איינענעם דראַנג, האָט ער דערגרייכט צו דער האַרמאָניע, מיט איינענער אינטו-

איִציגע איִז ער דערגאַנגען צוּ דער נייַער מעשה, וואָס דאַרף אָנ־צייַכנען אַ נייַע ווענדונג איִן אוּנזער פאָלקס־שאַפוּנג.

פּרץ פאָלקסטימליכע געשיכטען אוּן נסתּר׳ס מעשה׳לעך זע־נען וויכטיגע אוּן גאַנץ בעזונדערע דאַטען איִן אוּנזער פאָלקס־שאַפוּנג אוּן זיי וואַרטען נאָך אויף אַ גענויע אוּן גרינדליכע אויספאָרשוּנג.

נחמן מייזיל.



ה. ל. זשיטניצקי.

הערבסט.

(עטיוד).

I.

א הויז דער פידל, דעם טאנעבויך און די נעבעלהאפטע אידעען. האט אפרים קאבירער — איינער א נטויסייר יינגערמאן — געהאט נאך א זאך: דאס גערטענדיל, וואס האט זיך געפינען הינטערן הייזעל פון זיינע עלטערן. ער האט זיך געפיהלט זעהר היימיש אין דעם דאזיגען קליינעם וועלטיל פון קארשען־און פלוי־מען־בוימער, פון רויזען, מאהי־קעפ און ביהי־האקטנס. ער פלעגט דא אפזיצען גאנצע טעג. אויסמאמט דעם מומטל פון דער דרויסען־וועלט. האט ער דא געהאט די זאנפטע שפראך פון בלעטער־גע־מורמעל, פויגעל־טרילער און פון זומען פון די שמעטערלינגע. און די זון האט ער נישט אנדערש געזעהן ווי דורך בלעטער. דורך וועלכע איהר הייסער בליק איז געווארען מילדער און זנך. צוברעכעלט איז א קאסקאדע פון וויי־גלעטענדיגע שטראהלען.

איינמאל איז אפרים געשטאנען ביים וואסעריל. וואס האט זיך געפונען אין גערטענדיל. שוין כאלד ביים פלויט. ער האט אריינגעווארפען ברעקלעך ברויט פאר די קאטשקעס, וואס זענען דא ארומגעשוואומען. אזוי ווי ס'איז געפאלען א ברעקיל, האבען זיך די קאטשקעס מיט א רעש אהינגעלאזען אהינצו, פלעשטשענ־דיג מיט די פיס, שנאטערענדיג מיט די העלזער און צופענדיג זיך איינס דאס אנדערע מיט די געלע שנאבלען. דאס האט אפרים'ן געפאלען. ער האט געהאט א הנאה פון דעם דאזיגען בילד. א לייכטער שמייכעל האט זיך צושפילט אין זיינע בלויע אויגען און קוים־קוים ארומגעצוימט זיינע פיינע ליפען. ער האט פערגעסען. כמעט אן אלעם אנדערען און האט זיך, ווי א צולאזען קינד איבערגעגעבען זיין אונשולדיגער שפילעריי.

נאָר פּלוצלונג האָט ער דערהערט אין דער הייך עפּיס אַ גערודער און האָט אויפֿגעהויבען דעם קאָפּ. דאָרט אויבען, פֿון איין עק הימעל ביז צום אַנדערן, אין דער ריכטונג פֿון צפֿון נאָך דרום, האָט זיך געצויגען זעהר אַ לאַנגע, שוואַרצע שנור. דאָס זענען געווען שוואַלבען. זיי זענען געפֿלויגען אַזוי נאָהענט איינע נעבען דער אַנדערער און זענען געווען אין אַזאַ גרויסער צאָהל, אַז זיי האָבען געבילדעט איין לאַנגען, שוואַרצען קערפּער, וועלכער איז ווי געהאַנגען דאָרט אויבען, אונטער'ן בלויען הימעל און האָט זיך לאַנגזאַם בעוועגט ערגיץ אַוועק אין די ווייטקייט.

דאַן האָט זיך אפֿרים געזאָגט, אַז דאָס איז שוין אייגענט-ליך דער הערבסט. יאָ, ער האָט געפֿיהלט הינטער זיך אַ ווינטעל, וועלכעס האָט איהם געקיהלט דעם נאַקען און וועלכעס האָט גע-רוישט צווישען די רוינען, וואָס האָבען בעלעגערט אַרום און אַרום דאָס קליינע וואַסערעל. דער דאָזיגער שטילער גערויש — דאָס איז געווען די שפּראַך פֿון הערבסט. און דאָס לייכטע ווינ-טעל, וואָס האָט איהם געקיהלט דעם האַלז — דאָס איז געווען די בעריהרונג פֿון'ם הערבסט. און אפֿרים איז געבליבען שטעהן מיט עפּיס אַ שמערצליכער איבערראַשונג, מיט אַ פֿערריסענעם האַלז, מיט אַן'אויפֿגעהויבענעם קאָפּ, און געקוקט אַרויף אויבען. דאָס פּאַטשען פֿון די מיליאָנענדיגע פֿליגעל האָט אָנגעפֿילט די לופֿט מיט עפּיס אַ וואונדערבאַר גערודער, וואָס האָט פֿערשפּרייט אַ שטילע בענקשאַפֿט אין דער גאַנצער לופֿט און איבער'ן גאַנצען הימעל. אפֿרים'ן האָט זיך געדאַכט, אַז די מיליאָנען פֿויגעלער דאָרט אויבען טראָגען אַוועק די זון און דעם זומער אויף זייערע קליינע פֿליגעלעך. וואָס וועט זיין, ווען זיי וועלען פֿערשווינדען? צי וועט נאָך עפּיס בלייבען פֿון זייער געצוויטשער און פֿון דער מונטערער וואַריטקייט פֿון'ם זומער? און אפֿרים האָט עפּיס איינ-סטינקטיוו אַ הויב-געטהאָן די הענד אַרויף צו דער מחנה שוואַלבען, ער האָט אַזוי ווי דערפֿיהלט דעם גלעט פֿון דער זון, וואָס שיינט דאָרטען, וואוהין זיי פֿליהען; ער האָט דערשפּירט דעם ריח פֿון די בלומען, וואָס וואַקסען דאָרטען, אין יענע ווייטע לענדער. זיין נשמה האָט זיך אַ ריס-געטהאָן דאָרט-אַהין. ער איז געשטאַ-גען אַ ווייל'ע מיט אַ קלאַפּענדיג האַרץ, אַ פֿער'שכור'טער, אַ פֿער-חלום'טער, אַ לעכצענדיגער.

דערנאָך האָט ער זיך געלאָזט געהן צווישען די בוימער

פאמיליע. מיט אנ׳אראָבגעלאָזענעם הויט איבערהענגענדיג לייב־
ווייט׳ן גאנצען קערפּער. אך, דאס איז שוין יאָרען געווען דער
הערבסט... ער האָט זיך געריבען איין האנד אן די אנדערע,
וואָרום ער האָט געפיהלט א קעלט אין זיינע לאנגע, ווייכע פינגער
ער האָט גענאָסט אין קאָפּ עפּיס א געראויש. ווי דער טרוקענער
געראויש פון׳ם בלעטער-פאַל. צי איז דאס דער הערבסט פון דער
נאטור, אָדער א הערבסט פאר איהם אליין? און ער האָט ווידער
געמוזט א הויב-טון דעם קאָפּ און ווארפען א בליק ארום די בוי-
מער, ארום די קרושאַקעס, ביז דאָרטען אהין צום וואַסעריל מיט
די רוירען, און נאך ווייטער. ביז אויף יענע-זייט צום פלויט, וואו
עס זענען געוואַקסען די גרויסע, רונדיגע געלע קעפּ פון די ביהי-
האקענס. איטליכעס בלעטיל אויפ׳ן בוים איז פערשרומפען, איט-
ליכעס גרעזיל איז איינגעבויגען צו דער ערד; א קאלטער ערנסט
הענגט צווישען די צווייגען פון די בוימער; כאָטש דער טאָג איז
א טרוקענער, דאך אָטעמט אלץ מיט פייכטיגקייט; אלץ איז אבגע-
לאָזען, אלעס בענקט נאך אונטערגאַנג; די פרישע גרינקייט איז
אבגעבליאַקעוועט געווארען; דאס גאנצע גערטענדיל האָט זיך אָנ-
געקליידט אין א מלבוש פון געלער לאנגווייליגקייט. צי האט דער
דאַזיגער גאָרטען געבליהט היינטיגען זומער. אָדער עפּיס אמאָל
פערצייטענס, מיט יאָהרען, יאָהרען צוריק? דאס אויבסט איז שוין
לאַנג אראָבגערוימט פון די בוימער; בלויז דא און דאָרט וואַל-
גערט זיך אין גראָז א פערפוילטער אַפּעל, וועלכען מ׳האָט פער-
געסען אויפצוקלויבען. דאָס גערטענדיל זעהט אויס ווי א פרוי,
פון וועלכער מ׳האָט אראָבגעריסען דעם שמוק, צופלאָשעט די
האָר, צוקנייטשט די מלבושים און אונטערגעהאַקט איהר די אוי-
גען. בלויז די ביהי-האָקענס ביי׳ם פלויט זענען נאך פריש; זיי
פערקייכען מיט חוצפה די גרויסע געלע קעפּ און קוקען אריבער
איבער דעם נידעריגען פלויט אהין ארויס אויף די פעלדער, וואו
דער הערבסט צוזאַמען מיט׳ן ווינד יאָגען מיט א בייזען ברום אראָב
דאָס אלץ, וואָס דער זומער האָט דא אויפגעהאָדעוועט מיט וואַ-
רימקייט און מיט ליבשאַפט.

אפרים האָט זיך לאַנג אַרומגעדרעהט צווישען די בוימער
און איינגעזאַפּט אין זיך דעם אָטעם, וואָס האָט פון זיי געטריפט.
ער האָט געפיהלט א גרויסע מידקייט אין די פיס. זיין קערפּער
האָט זיך געצויגען אראָב צו דער ערד, אראָב וואוהין עס בויגען

זיך די גרעזער און עס פאלען די בלעטער. ער האט געשפירט עפיס א גרויסען דריק, א דרוק, וואס וויל אלעס אומלעגען און צו־פרעסען צו דער ערד. אך, גאט אין הימעל, דאס בלוט ווערט מיד פון לויפען איבער די אדערן, די געדאנקען ווערען מיד פון זייער אייביגע וואנדערונג, די בלעטער ווערען מיד פון הענגען אויף די צווייגען. דא אונטען אויף דער ערד, וואוינט די גרויסע מנוחה, צו וועלכער עס בענקט אזוי שטארק די גאנצע וועלט. און אפרים האט זיך שוין ענדליך איננאנצען געוואקעלט אויף די פיס און האט נישט געקאנט געהן ווייטער. ער האט זיך לאנגזאם אראבגעלאזט אין גראז און אנגעלעהנט דעם רוקען אן א בוים, א וויילע האט ער פון גארנישט געוואוסט, ווארום א געדיכטער נע־בעל איז איהם געשטאנען פאר די אויגען. דערנאך האט זיך דער נעבעל צושטרייט. ער איז געווען שרעקליך אבגעשוואכט, ער האט נישט געקאנט ריהרען מיט קיין גליד. בלויז זאנדערבארע זעהונ־גען האבען, ווי כשוף־פונקען, אדורכגעטאנצט דורך זיין מח.

און זיצענדיג אזוי א שפארע וויילע אונטער'ן בוים, האט ער כמעט פערלוירען וועלכע עס איז אהנונג וועגען דער רעאלער וועלט. ס'האט זיך פערלאפען מיט איהם א פארפאל, וואס איז געווען אן'אפטע ערשיינונג צווישען זיין פאמיליע, די קאסירערס. דערנאך האט ער האלב־אונבעוואוסטזיניג אומגעווענדט דעם קאפ, ווארום ער האט דערהערט עפיס א קלאפ ווי פון א ווייטער וועלט. דאס האט זיך געעפענט און צוריק פערמאכט די פירטקע פון'ם גערטענדיל, דארט אויף יענער זייט, אין ווינקעל. אומוויסענדיג דעם קאפ דארטען־אהין, האט ער געזעהען, ווי עטוואס רויטעס בליצט־אויף צווישען די ביימער, פערשווינדט אויף א וויילע, ערשיינט באלד ווידער און, ווי עס האט זיך געדאכט, דערנעהנטערט זיך אלץ מעהר און מעהר. עפיס א וועזען האט געשטעלט טריט, און די דאזיגע טריט האבען זאנדערבאר אבגעקלונגען אויף די טרו־קענע, שורשענדיגע בלעטער. ענדליך האט אפרים דערקענט א מערעל־געשטאלט. אז זי האט ארויסגעבליצט פון הינטער א בוים, האט ער געזעהען איהרע נאקעטע עלענבויגענס און איהר בלוזען, ראזאווען דאלז; דערנאך, אז זי איז ארויסגעשפאצירט פון הינטער א צווייטען בוים, האט ער דערקענט איהר רויטען מארגען־ראק און די זיידענע, ראזאווע לעמשעלעך אויף איהרע פיס. זי איז גע־ווען געקליידעט איננאנצען זומערדיג. זי איז געווען זעהר א לייכטע,

זי האָט עפּיס ווי געשיוויגט צווישען די בוימער, אַזוי ווי אַ פויגעל; זי האָט זיך בעווייזט צווישען די בוימער, אַזוי ווי אַ שמעטערלינג; זי איז פערשוואונדען און ווידער אפיר געשוואומען, אַזוי ווי די זון צווישען וואָלקענס. נאָר אפרים האָט נישט געקאָנט לאַנג אָבשטעלען אויף איהר זיין בליק און געדאַנק. ער האָט אייגענטליך געוואוסט, אַז דאָס איז די טאָכטער פון זייערע שכנים, וועלכע וואוינען אָט דערנעבען, אין דעם קליינעם, געמויערטען הייזעל, וואָס שטייט אַ ביסעל אריבער מיט'ן דאַך איבער'ן הייזעל פון זיינע עלטערן. זי הייסט ליבע; אַזוי רופען זי אַלע. וואָס פאַר אַ זעלטענער נאָמען דאָס איז... נאָר אפרים איז נישט געווען זיכער, אַז דאָס איז טאַקי אַזוי. דער קאָפּ האָט זיך איהם געדרייט, אַלץ איז פערשוואונדען פון זיין ריכטיגען אָרט, ער איז פערזונקען אין אַ טרוים.

2.

און דאָס איז געווען זעהר אַ וואונדערליכער טרוים. אפרים מיט נאָך עטליכע יונגע מענשען זענען ערגיץ געזעסען און געפּרעדט וועגען אַ פערשטאָרבען מעדעל. זיי האָבען זי גוט געקענט, זיי האָבען זי דערמאָהנט מיט שמערץ, וואָס איז געוואָרען מיט איהרע פראַכטיגע האָר, מיט די דאָזיגע רייכע ניםפען־האָר, וועלכע מ'האָט צוזאַמען מיט איהר פערגראָבען אין די ערד! און וואָס איז געוואָרען מיט איהרע וואונדערבאַרע צייה, וועלכע מ'האָט פערשיט מיט זאַמד און ליים? איינער אַ יונגערמאַן האָט זיך אָנגערופען:

— איך זעה זי פאַר מיר ווי אַ לעבעדיגע. איהר געזיכט איז געווען רונדינקע, ווי יעדע אַנדערע רונדיגע זאַך, עפּיס אַזוי רונדיג, איך ווייס אַליין נישט, ווי רונדיג... איך פיהל נאָך דעם ווארעמען דרוק פון איהר האַנד און דעם בליק איהרען, וועלכער האָט געשאָסען מיט לעבען — נישט מיט פייער, ווי מאַנכע זאָגען, נאָר טאַקי פשוט מיט לעבען, איך זעה זי פאַר זיך, איך זעה זי...

— איך זעה זי אויך! — האָט געזאָגט אַ צווייטער.

— און איך אויך — האָט זיך אָנגערופען אַ דריטער.

— און איך, איך זעה זי אויך! — האָט געזאָגט אפרים.

און דאָ איז געשעהען אַ וואונדער, זיי האָבען זי אַלע ווירקליך דערזעהען. די יונגעלייט האָבען ברייט געעפענט די אויגען, וואָרום זיי האָבען געמיינט, אַז זיי זענען נישט ביים ריכטיגען זינען.

צי איז דאָס טאַקי זי אליין, די פֿערשטאָרבענע? ווי אַזוי איז דאָס מעגליך? צי האָט דער נעבעל און די פֿאַנטאַזיע אָנגענומען פאָרמען און געפֿינט זיך דאָ צווישען זיי אין דער געשטאַלט פֿון אַ ווירקליכען מענשען?

נאָר דאָס איז געווען אַ שטיק ווירקליכקייט, וועלכעס האָט זיך נישט געלאָזט פֿערלייקענען. די יונגעלייט איז געוואָרען אומהיימליך אויפ'ן געמיט און זיי האָבען דערפֿיהלט אַ קעלט אַרום האַרצען. זיי האָבען זיך אַריינגערוקט טיפֿער אין זייערע שטיהלען און זענען געבליבען זיצען מיט אָנגעשפּאַנטע נערווען. זיי וואָלטען גערן אינגאַנצען נישט אַהינגעקוקט דאָרט אין די זייט, וואו דאָס מיידעל איז געזעסען, און דאָך האָבען זיי נישט געקאָנט אָבּרייסען פֿון איהר זייער שטאַרע, אונרוהיג־נייגעריגען, דורשטיג־אָקענעם בליק.

און זי — זי איז געווען די זעלבע, ווי אַמאָל, ווען זי האָט נאָך געלעבט. ווירקליך, דאָס פּנים איהר'ס איז געווען אויסערגעוועהנליך רוהיג, נישט אַזוי ווי עס זענען אַלע אַנדערע פּנים'ער אויף דער ערד. זי האָט געשמייכעלט און געפֿיהרט איהר ליבלעכען בליק איבער אַלע אַרומיגע. איין קלייניגקייט איז נאָר געזען זאָנדערבאַר: דער שטוהל, אויף וועלכען זי איז געזעסען, איז עפּיס געווען אַנדערש, ווי די אַנדערע שטיהלען, אַזוי אַז זי איז אויסגעקומען העכער, ווי אַלע איבריגע. חוץ דעם האָט זי אַליין אינאיינעם געוואונקען מיט'ן רעכטען אויג, און די רויטע קליידער, וועלכע זי האָט געטראָגען, האָבען צופֿיל אָבגעשטאָכען פֿון די טונקעלע מלבושים פֿון די יונגעלייט. בכלל, זי איז געווען די איינציגע יעדעס אמאָל, און דאָך האָט זיך געפֿיהלט פֿון איהר עטוואָס אַזעלכעס אונבעשטימטעס, אונערקלערליכעס, ווייטעס, פֿרעמדעס, אונבאַגרייפֿליכעס, וואָס האָט אַנגעוואָרפֿען אַ לייכט, לייכט שוידערן אויף אַלע, וואָס האָבען זי געזעהען.

דערנאָך האָבען די יונגעלייט באַמערקט, אַז דאָס דאָזיגע וואונדערבאַרע מיידעל הויבט עפּיס אָן צו בייגען מיט די ליפּען, ווי זי וואָלט וועלען אַרויסבריינגען ווערטער. דאַן האָט אַ היץ אַרויסגעשלאָגען אויף זייערע פּנים'ער. צי וועט זי טאַקי רעדען, אַזוי ווי עס רעדען אַלע אַנדערע מענשען? נאָר באַזונדערס האָט זיך צוגעקוקט צו איהר אפֿרים. זיין קאַלטער בליק איז געהאָנגען מיט עקשנות אויף איהר רונדיג, ווייס געזיכט מיט די לאַנגע, שוואַרצע ברעמען איבער איהרע גרויסע, טונקעלע אויגען. ער איז

געווען שרעקליך פערוואונדערט. ער איז געשטאנען פאר אנ'אונגעהויער רעטעניש, און אלץ, וואס האט איהם געארט, וואס האט איהם געפיקט דעם כח, אלע טיפסטע פראגען פון זיין נשמה האבען זיך אויסגעדריקט אין זיין קאלטען, עקשנות'דיגען בליק. ער האט געקוקט אויף דעם דאזיגען מעדעל, ווי מען קוקט אין א ים, וואס שפריצט אויס אזוי אײנפאך און קלאר זיין ברײטען וואסער-שפיגעל, וועלכער לאזט אבער אהנען א סך אויסטערלישעס און אויסערגעוועהנליכעס אין זיינע אונערפארשטע טיפקייטען.

א שפארע ווײלע האט אנגעהאלטען א טיף שווייגען. כאטש אלע האבען געזעהען מיט זייערע אייגענע אויגען, אז דאס איז א ווירקליכע געשטאלט, וואס זיצט צוזאמען מיט זיי ביי איין טיש, דאך איז ביי יעדען פערבליבען א חשד, אז דאס איז נאר עטוואס אזעלכעס, וואס איז געוועבט פון נעבעל, און אז יעדע ווײלע קען דאס, ווי א נעבעל, פערשווינדען. דאס מעדעל האט אויפגעהערט צו בעוועגען מיט די ליפען, זי האט גארנישט געזאגט. און דאך האט זיך געדאכט, אז זי האט עטוואס צו ענטדעקען. אלע האבען אבגעווארט איהרע ווערטער מיט שרעק, זיי האבע מורא געהאט פאר'ן קלאנג פון איהר שטימע. דאס, וואס די דאזיגע פרעמדע וועט זאגען פאר די לעבעדיגע, דאס וועט זיין עטוואס זעהר אומהיימליכעס, עטוואס אזוי ווייט-ווייטעס — און אלע האבען געווארט אויף דעם מיט הארץ-קלאפען.

פלוצלינג האט אפרים'ן עטוואס א בריה-געטון און א דורכגעלאפען איבער זיין קערפער אזוי ווי אנ'עלעקטרישער פונק. דאס מעדעל האט איהם מיט א מאל אזוי ווי דערקענט און צו איהם גאר בעזונדער א שמייכעל-געטון; זי האט איהם אדורכגענומען מיט איהר בליק, וועלכער איז געווען פינקעלדיג-שווארץ און שארף ווי א מעסער, דאס גאנצע בלוט האט זיך אנגעצונדען אין אפרים'ן. דער דאזיגער זאנדערבארער בליק האט איהם שיער נישט אוועקגענומען דאס בעוואוסטזיין, און האט איהם, ווי מיט א העפטיגען קלאפ, ארויסגעשטויסען פון זיין פריהערדיגער רוהיגקייט. ער האט אויף א רגע איינגעגאנצען א פערמאך-געטון די אויגען; דערנאך, אז ער האט זיי געעפענט, און דאס מעדעל איז נאך געזעסען אקעגען איהם, האט ער א געשריי-געטון מיט א ווילדקייט אין דער שטימע:

— אום גאטעס ווילען, וואס ווילט איהר פון אונז? איהר

וועגט טאקי די אײַנגעגע, פון וועלכער מיר האָבען ערשט גערעדט?

— יאָ — האָט דאָס מײדעל נעענטפערט.

א ציטער איז אדורכגעלאָפען איבער אלע ארומיגע. ענדליך, זײַ האָבען דערהערט איהר שטים! אין פלוג האָט זיך אלעמען אויסגעדאַכט, אז אזוי רעדען אויך אלע אנדערע מײדלעך, אז אזוי קען אויך קלינגען יעדע שטים, וועלכע זײַ הערען טאָג-טעגליך. אָבער נײַן, דאָס איז עטוואָס גאַנץ אנדערעס, נאָך נישט געהערטעס, משונה'דיגעס, פערטויבענדעס.

— נישט אמת! נישט אמת! — האָט אפרים ווילד געשריגען.

— איך זאָל אזוי לעבען — האָט זיך דאָס מײדעל פערענטפערט.

דאַן האָבען זיך די יונגעלײַט אויפגעכאפט, אזוי ווי א מחנה פויגעל, צווישען וועלכע עס פאלט ארײַן דער שאָס פון א יעגער. זײַ האָבען זיך אזוי האַסטיג געגעבען א שטעל-אויף, אז די שטיהלען זענען מיט א טראַסק אומגעפאַלען הינטער יעדען פון זײַ. זײַ האָבען זיך געלאָזט לויפען — מיט א ווילדען איטפעט, ווײַט אוועק, און זענען באַלד ערגיץ פערשוואונדען, — ווי זײַ וואָלטען קײנמאָל נישט עקזיסטירט.

אפרים אײַנער אלײן איז געבליבען אויף זײַן אָרט. נאָר א ווילדער כעס האָט איהם ארומגעכאַפט. וואָס, דאָס דאָזיגע מײדעל, די דאָזיגע פרעמדע, ווײסט נישט צומאָל, אַז זי איז גאָרנישט, אז זי עקזיסטירט נישט, און זאָגט מיט אזא רוהיגען שמײכעל: „איך זאָל אזוי לעבען"? אפרים האָט זיך מיט בײדע הענד געטוזט אָנגעכאַפען בײַ דער ברוסט, וואָ־ום דאָס האַ־ץ האָט געקלאפט אין איהם ווי מיט האַמערס. אין די אויערען האָט איהם געשאלט, ווי עס וואָלט אין זײַ אַרײַנגעזומט א ביהן; די באַקען האָבען זיך איהם צופלאַמט. זײַנע אויגען, די דאָזיגע שטילע, בלויע אויגען, איבער וועלכע די דינע, שוואַרצע ברעמען האָבען פערשפרײט א ווײַכען שאָטען און א וואונדערבאַרע רוהיגקײַט, האָבען איצט געשפריצט מיט פונקען, און ער האָט גענומען רופען, שטיקענדיג זיך מיט דער אײגענער שטימע:

— נישט מעגליך! נישט מעגליך!

נאָר דאָס מײדעל, ווײַזט אויס, האָט איהם געהאַלט בערוהיגען, זי האָט צו איהם גאָר ליבליך א שמײכעל-געטון, זי האָט א שמײכעל-געטון צו איהם מיט איהרע גרויסע אויגען, מיט איהרע

האלב-געפּעפּנטע ליפּען, מיט איהר גאנצען געזיכט, אפילו מיט איהרע טונקעלע האָר, מיט איהר גאנצען וועזען, — זי איז אינגאנצען פערוואנדעלט געוואָרען אין איין גרויסען, וואונדערבארען שמייכעל. און אפרים האָט געשפּירט, אז דער דאָזיגער שמייכעל בינדט איהם ווי מיט קליינע, פעסטע פעדימלעך, וואָס פערשטריקען איהם אין אַן׳אונגעזעהויערע נעץ. ער האָט אויפגעהערט צו פילדערן, ער האָט זיך נישט מעהר געאמפּערט, ער האָט געפיהלט, אז ער ווערט אינגאנצען פערלוירען און צוגעגען אונטער דעם שמייכעל פון דעם דאָזיגען זעלטענעם מעדעל. זיינע באקען האָבען אויפגעהערט צו פלאַמען; פערקעהרט, אַ קאַלטע בלאַסקייט האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף זיי. דער קאָפּ איז איהם לאַנגזאַם געזונקען אויף די ברוסט; פאַר די אויגען האָט זיך איהם אויסגעשפּרייט אַ דינער, אַ גאַנץ דינער נעבעל, וועלכער האָט אַלעס, אַלעס פערשלונגען, אזוי, אַז פאַר איהם איז שוין גאָרנישט מעהר געבליבען אין דער גאַנצער גרויסער וועלט, אַ חוץ דעם דאָזיגען שמייכעל, וואָס האָט אַדורכגעלויכטען אפילו דורכ׳ן נעבעל און האָט איהם געפאַנגען אַזוי ווי מיט אַ כישוף.

און אפרים איז פערלוירען געוואָרען אין זיין זאָנדערבאַרער זעהונג, אַזוי ווי אַ קליין פלעמיל פערלירט זיך אין די שטראַהלען פון דער מעכטיגער זון. ער האָט שוין נישט געקאָנט זיצען גלייך, אָנלעהנענדיג זיך מיט׳ן רוקען אָן בוים; ער האָט זיך אינגאַנצען אויסגעצויגען אין גראָז. נעבען איהם האָט געקניהט דאָס מעדעל, וואָס האָט געהייסען ליבע, די טאָכטער פון די שכנים, וואָס וואוינען דאָרטען, אינ׳ם צווייטען הויזעל. זי האָט נישט געוואוסט, וואָס דאָס קען זיין, זי האָט אַרומגענומען זיין האַלז מיט איהרע ראָזאָווע הענד, צוגעדריקט איהם צו זיך, ליב און וואַרעם, ווי אַ קינד. זי איז געוועזען אומרוהיג, זי האָט געציטערט, זי האָט צו איהם געפליסטערט:

— אפרים, וואָס איז אייך?... אפרים, אפרים!...

דערנאָך האָט זי זיך פּלוצלינג אויפגעטרעלט, אַ צושראָקענע און אַ טומומעלטע. אַך, זי דאַרף דאָ נישט בלייבען, זי מוז לויפען וואָס גיכער, אָנקלאַפּען ביי אפרים׳ס עלטערן, רופען די מוטער, דעם פאָטער, די ברידער, און זאָגען זיי, אַז מיט אפרים׳ן האָט פּאַסירט עטוואָס שלעכטעס, אַז ער לעבט נישט מעהר, אַז ער ליגט אַ געשטאָרבענער, דרויסען, אין גערטענדיל, אונטער אַ בוים.

עס איז שוין געווען פארנאכט. דער הימעל האט זיך אראב-געלאזט נידריגער, און א טייל פון דעם גאלדיגען שימער, מיט וועלכען ער איז געווען אדורכגעזאפט, האט זיך איבערגעגאסען אין דעם קליינעם גערטענדיל אריין, צופלאסען זיך צווישען די בוימער, אנגעהאנגען זיך אויף די צווייגען, פערפלאנדזשעט צווי-שען די געלע בלעטער און געבליבען דא הענגען, אזוי ווי נאַ-רען צירונג אויף אלטע ווייבער. די זון איז געשטאנען אין מערב אנ'אונגעהויער-גרויסע, א פלאקערדיגע, אזוי ווי א ברענענדיגע שיף וואס געהט-אונטער אין א ים פון פייער. זי איז געשטאנען אויפ' ראנד פון אונטערגאנג, אויפ'ן סאמע עק האריזאנט, און האט אויסגעזעהען אזוי, ווי אט-אט גליטשט זי זיך אראב פון הימעל און פאלט אראב דארט ערגיץ אין אנ'אבגרונד.

פונ'ם פעלד איז געקומען א ווינדעל, אדורך מיט א געראויש איבער די רוירען ביים קליינעם וואסער'ל, אדורכגעלאפען איבער די בוימער און אויך א טרייסעל-געטאן דעם בוים, אונטער וועל-כען אפרים איז געלעגען.



ז. סעגאלאָוויטש.

לידער.



וואָס וועט בלײַבען צו דערמאָנען
פון דעם לאַנגען וועג?
וואָס וועט בלײַבען, וואָס וועט בלײַבען
פון די שווערע טעג?

אַז מען פלאַנצט נישט אין דער יוגענד,
בליהט דאָך שפּעטער נישט,
אַז מען זינגט נישט אין דער יוגענד
זינגט מען קיינמאָל נישט.

בלומען בליהען, בלומען וועלקען,
אָבער וועה אונז, וועה...
אונזער גאָרטען ליגט פערגליווערט
אונטער קאַלטען שניי.

וואָס וועט בלײַבען צו דערמאָנען,
דור, מיין דור, בעקלעהר!
קליינע קללות ווערען גרויסע
און נישט מעהר, נישט מעהר...

.1915

אין דער פרעמד.

נאָכאַנאַנד נאָר זיי קלינגען די גלאָקען;
הײַנט איז יום־טוב און מאָסקווע רוהט.

דאָך מײַן האַרץ איז אַזױ אָנגעשראָקען:
אין דער פֿרעמד, און דער פֿרעמד איז ניט גוט.

די געדאַנקען צופֿליִען, װי טױבען
פֿון יעטװעדער הײליגען קלונג.
איך צעװאַרעם דעם פֿראָסט אױף די שױבען
און איך קוק אױף דעם גאָלדענעם רונג.

אױף די גאָלדענע צלמים, װאָס גלאַנצען,
אױף די שנײ־װײַסע דעכער אַרום,
אױף די גלאָקען, װאָס גלאָנגלען און טאַנצען
דאָ הײליג, דאָ לאַנגזאַם און פֿרום.

דער פֿראָסט האָט מײַן שײַבעל פֿערצױגען,
פֿער׳חתמ׳עט שױן װידער... מיך קלעמט,
עס בלאַנקען אַרום מײַנע אױגען
און זוכען אַ טרײסט אין דער פֿרעמד.

1915.

פּעריל.

בײַ דער באָבעשי אין חדר
שטעהט אַ טונקעלער קאַמאָר,
לײַנענע דאָרטען אַלטע קלײדער
און אַ שאַכטעלע... אָך, לײַדער,
בלײַבט דאָס שאַכטעלע אַ סוד.

פֿרעגען נײַגעריג די קינדער,
װאָס זי האָט דאָרט אין קאַמאָר...
װערט די באָבעשי ניט לינדער
און זי אײַלט צו זיך געשװינדער,
צום אַלט־מאָדישען קאַמאָר.

װען זי בלײַבט אַלײן באַזונדער,
שטעהט זי דעמאָלט בײַם קאַמאָר,
בײַ אַ שאַכטעלע אַ רונדער,
און זי קוקט, זי קוקט מיט װאונדער,
מיט אַ זיפֿצעניש פֿון גאָט.

איהרע פּערל... גאָט, דו ליבער!

ווי זיי לויפטען אין קאמאר...
און די יאהרע... גאט, דו ליבער,
ווי זיי געהען גיך אריבער..
אי, די יאהרען, אי, א שאר.

.1915

א שיף.

א שיף איז אבגעגאנגען.
פארנאכט... דער ים איז גלייך.
א שיף איז אבגעגאנגען,
מען זעהט שוין קיים דעם רויך.

מיין הארץ, וואס איז געווארען?
וואס שרעקט דיך אזוי טיף?
צי דען האב איך פערלארען,
פערזוימט מיין לעצטע שיף?

דער קאפיטאן, דער דרייסטער,
ווער ווייסט זיין שטאלצען ציל!
וואו טראגט ער זיך בעגייסטערט
אין שטורעמדיגען שפיל?

וואוהין? וואו וויל ער קומען,
צו וועלכען גרינעם ברעג?
צי האט ער מיטגענומען
דעם טרוים פון מיינע טעג?

א שיף האט זיך פערטראגען
שוין נאכט... דער ים איז שווארץ.
איך וועל איהם נישט דעריאגען
דעם חלום פון מיין הארץ...

,1917 קרים-פאריאזיז.



יונה ראָזענפעלד.

אַ שכן.

(ערצעהלונג).

לאה איז שוין טיף אַריינגעקראָכען אין דריטען צעהנדליג, דער יונג-מעדעלשער טשאַד איז שוין אַריבער, זי ווייסט שוין אַלע איהרע מעלות און חסרונות... טראַכט שוין אָפּט, אַז אַ בעל מלאכה (פֿון וועמען זי האָט צוריק מיט עטליכע יאָהר אפילו נישט געוואָלט הערען) קען אויך זיין אַ לייטישער מענש און ווייל זי האָט אַזוי געטראַכט, האָט זי געמיינט, אַז אָט קומט ער, דער בעל מלאכה, און כאַפּט זי אַוועק און אַזוי ווי ביי אַ גרויסען טייל פֿון זיי לעבען די ווייבער נישט אַזוי, ווי לאה איז געוואוינט געוואָרען ביי די עלטערן צו לעבען, האָט זי זיך דערפֿאַר אַ מלאכה גע-לאָזט אויסלערנען, האָט זיך געלאָזט קאָסטען פֿופֿציג רובל און איז אין דריי חדשים צייט געוואָרען אַ פֿאַלקאָמע מאָדיסטקע... זי האָט געטראַכט: בעסער זאָל זי נישט דאַרפֿען... ביי טאַטע-מאַמע האָט עס איהר נישט געפֿעהלט... האָט זי אַ מאַשין אַריינגע-כאַפּט... דאָס קומט אַלע מאָל צונוץ, נאָך זינגער'ס אַ מאַשין... מ'קען עס אויך צום נדן צורעכענען.

לאה איז געווען איינע פֿון יענע „היימישע" מעדלעך, וואָס מוזען גאָרנישט, זיצען ביי טאַטע-מאַמע, עסען, טרינקען און שלאָפֿען און וואַרטען אויף חתנים. די „היימישקייט" איז עפּיס אַ בעזונדער צינאָב, אַ פּריווס צו דעם מעדעלשקייט. וואָס לאה האָט געהאַט צו טון פֿאַר זיך, האָט זי שוין אָבגעטון: ביי איהר ליגט שוין אַלצדינג גרייט, כאָטש נעהם און פֿיהר זי אונטער דער חופּה. ס'ליגט שוין בעט-געוואַנד, אויף וועלכען קיינער שלאָפֿט נישט, וואָס ווערט אויף אַלע נאַכט אָבגעלייגט אַן אַ זייט, און אַלע קאָמאָ-דען און שופֿלאָדען זענען פֿול אָנגעפּאַקט מיט איהר וועש, אויסגע-

נייט און אויסגעהעפט, אויסגעצייכענט איהר נאָמען און פאַמיליע; די וועש איז שוין אפילו אַ פּאָר מאָל געוואַשען געוואָרען, ס'זאָל נישט פערגעלט ווערען ליגענדיג. און נדן איז אויך דאָ; ס'איז דאָ אַזוי פיל, וויפיל אַ „היימיש" מיידעל דאַרף האָבען צו געבען אַ לייטישען בחור. אַלצדינג איז געווען וואָס אַ בעל־הביתיש מיידעל, וואָס זוכט אַ בעל־הבית'ישען בחור, דאַרף האָבען. און אָט אַזוי איז אַוועקגעלאָפען אַ יאָהר נאָך אַ יאָהר און דער נעוואונשטער „לייטישער" בחור איז נישט געקומען... וואַרט מען... שדכנים זיינען אַרויס פון דער מאָדע. שווייגען די עלטערן און די צוויי ברידער איהרע, איינער אַן עלטערער און איינער אַ יונגערער פון איהר. וואָס ווילען אויך חתונה האָבען און קענען נישט איבער דער שוועסטער. וואַרטען אויך אַלע, וואַרטען און שווייגען, אפילו די מוטער שווייגט, ווייל זי איז שוין אַ ביסעל פון די היינט־וועלטיגע. זי פערשטעהט, אַז דאָס איז דער טאָכטער'ס אַ פּריוואַט־זאַך, זי דאַרף נאָר קוקען אוי שווייגען, און דער פאָטער? ווען איז ער אין שטוב, אוי ווען ער איז יאָ דאָ, קען זי אויך מיט אַהם וועגען דער טאָכטער נישט רעדען... אפשר טראַכט ער גאָר אַליין דערפון, ווייל זי די וואַנדען נישט אויפוועקען.

בעטראַכטענדיג זיך, איז עס דאָך טאַקי אַ וועהטאָגדיגער פּעדרוס: ביז וואַנען קלעהרט נאָך לאה אַ מיידעל צו זיצען, און וואָס איז זי ביז אַהער געזעסען... אַזעלכע גאָלדענע הענד, אַזאַ ווירטין, ווי זי איז, אַזעלכע לאה'ס דאַרף מען זוכען און זוכען... דאַכט זיך, ס'איז גענוג אַריינצוגעהן אין שטוב אַריין און אַ קוק געבען אויף דער ריינקייט, אויף דער מיסטערהאַפטער אָרדנונג... כאָטש אין דער ריינקייט און אין דער מוסטערהאַפטער אָרדנונג האָט זיך עפּיס אַן אומעט געשפּירט... עס האָט זיך געדאַכט אַז די ריינקייט איז נישט פאַר די שטוב־מענשען נאָר פאַר אַזעלכע, וואָס איז דאָ נישט דאָ, נאָר וואָס דאַרף און מוז קומען... ס'האָט זיך געשפּירט אַ פרעמדער גייסט און ס'איז געווען אומעטיג אין שטוב, געוואַלדיג אומעטיג.

דאָרט איז געווען אַ פריי צימער, כאָטש ס'איז נישט געווען איבעריג, האָט מען עס דאָך געקענט פערדינגען און נישט אַזוי איבער די עטליכע רובל, ווי פשוט פאַר פרעהליכקייט וועגען, ס'קען זיך מאַכען אַ רעכטער שדך... אַ לייטישער יונגערמאַן... אַלעס קען זיך טרעפען... די מאַמע און די טאָכטער האָבען שוין לאַנג דערפון

געטראַכט און ס'איז דאָך געקומען די צײַט און לאה האָט געזאָגט:

— ווייסט, מאַמע! מיר איז אײַנגעפאַלען מיר זאָלען דאָס צימער פֿערדינגען; וואָס דאַרפֿען מיר דרײַ צימערען?

די אַלטע האָט געמאַכט אַ תמ'עוואַט פּנים. דאָס צימער פֿער-דינגען? יאָ... אָבער זי, די אַלטע, ווייסט אָבער נישט, וואָס פֿאַר אַ שלאַק ס'קען אָנטראָגען אַהערצו... די אַלטע וועט אויף קיין פֿאַל נישט אײַנגעהן אַרײַנצולאָזען אַ קוואַרטיראַנטקע זי זאָל איהר קריכען אין קוך אַרײַן וואַשען טיכעלעך און בלוזקעלעך...

לאה איז שטאַרק געווען צופֿרידען, וואָס דער מאַמע'ס גע-דאַנק גיסט זיך צונויף מיט איהרען און האָט פֿון איהר זײַט בעמערקט:

— איך פֿערשטעה נישט: ווער וועט עס אינז נייטען אַזעל-כע אַרײַנצולאָזען... זי וועט דאָך נישט קומען קיין פֿערשטעלטע מ'וועט דאָך זעהן, אַז ס'איז אַ מעדעל צי אַ ווײַבעל, וועלען מיר זי נישט אַרײַנלאָזען...

דער מוטער האָט זיך געדאַכט, אַז די טאָכטער פֿערשטעהט די זאַך נישט גוט... צוריק מיט עטליכע יאָהר וואָלט זי אויף קיין פֿאַל נישט אײַנגעגאַנגען אַרײַנצולאָזען אַ בחור אין שטוב אַרײַן... לײַטישע מיילער... נאָר איצט... זי וואָלט אָבער געוואָלט די טאָכטער זאָל זיך נישט אָנשטויסען, אַז זי מיינט עפּיס...

— ... כ'ווייס וואָס... ס'איז דען כדאי איבער די פּאָר רובל... ס'קען נאָך אָנטראָגען אַהערצו עפּיס אַנ'אַלטען כריפּאַטש... מאַלע וואָס וועמען ס'קען אָנטראָגען אַהערצו.

לאה האָט אַ האַרטען קוק געוואָרפֿען אויף דער מוטער... פֿון צו אָבען האָט זי גערעדט וועגען דעם, וואָס זי, לאה, האָט געטראַכט, און ווייל זי האָט די מוטער אין גאָרנישט געקאָנט חושד זײַן, האָט זיך איהר דערפֿאַר געדאַכט, אַז די מאַמע רעדט נאַרישקייטען און האָט זיך אויף איהר אָנגעבייזערט:

— איך פֿערשטעה נישט... ער וועט דען קומען מיט פּאָלי-ציע, אָט דער אַלטער כריפּאַטש, וואָס דו זאָגסט! — האָט מעהר נישט גערעדט, געלאָפֿט און אָנגעשריבען אויף אַ פּיר-עקיג שטי-קעל פּאַפּיר מיט גרויסע פֿעטע בוכשטאַבען: „אָטדאַעטסיאַ קאָמ-נאַטאַ דליאַ כאָלאָסטאָוואָ". נישט ווילענדיג איז ביי איהר דאָס וואָרט „כאָ־לאָסטאָי" אַרויס מיט אַ דיקערע שריפֿט ווי די ערשטע

ווערטער. זי האָט אונטערגעשמירט דאָס שטיקעל פּאַפּיר מיט ווייסעל פֿון אַן'איי און עס אָנגעקלעבט אויפֿ'ן טויער...

דעם זעלבען טאָג איז געקומען דינגען דאָס צימער עפּיס אַן'אַלטע פּריצ'טע מיט אַ לאַנג פּערדיש פּנים, מיט אַ משונה'דיג היטעלע אויפֿ'ן קאָפּ, מיט אַ פּאַליערינקע אויף די אַקסלען און מיט אַ מאַנכפּילשען שירם אין דער האַנד. ביידע, די מאַמע מיט דער טאָכטער, זענען איהר ענטקעגען געגאַנגען מיט אַזאַ אימפּעט, גלייך ווי די אַלטע פּריצ'טע וואָלט געקומען זיי בעראַבעווען. מ'האָט זי אַפילו אין שטוב נישט אַריינגעלאָזט, און לאה האָט זיך אַפילו צושריגען אויף איהר: צי האָט דען די אַלטע פּאַני נישט געזעהן, אַז ס'שטעהט בפירוש אָנגעשריבען „דליא כאָלאָסטאָוואָ“ און די אַלטע פּריצה האָט מיט איהרע שלעכטע שטעכיידיגע אויגען אַריינגעקוקט לאה'ן טיף אין פּנים אַריין, און געזאָגט האָט דער קוק, אַז זי פֿערשטעהט די פּאַננאַ זעהר גוט און ווינשט איהר אַלדאָס בייז... דער קוק האָט אַזאַ שלעכטען איינדרוק אויף לאה'ן געמאַכט, אַז זי האָט אָן איהם אַ פּאָר שעה נישט געקענט פֿערגעסען... אויפֿ'ן צווייטען טאָג איז געקומען אַן'אַנדער שלאַק, נאָר אויך מיט דעם האָט מען זיך גיך אָבגעפֿערטיגט און ערשט אויפֿ'ן דריטען טאָג איז געקומען דער, פֿאַר וועלכען לאה האָט דאָס קוויטעל אַרויסגעהאָנגען — אַ פֿעסטער יונגערמאַן פֿון אַ יאָהר דרייסיג מיט אַן'ענעריגיש פּנים און מיט קלוגע שטאָלצע אויגען. לאה, ווי זי האָט איהם נאָר דערזעהן, האָט זי אַ טראַכט געטהון: „יאָ, דאָס איז ער“ און האָט איהם נישט ווי אַ שכן נאָר ווי אַ לאַנג ערוואַרטעטען און יאָהרען לאַנג אַרויסגעקוקטען, מיט איהר גאַנצער מעדלשער צאַרטקייט און ווייבליך-בעל-בתישער ברייטקייט, די טיר אין צימער אַריין געעפֿענט, אין יענעם צימער, וואָס איז שוין געשטאַנען גרייט ריין אין צילכטיג פֿון יענעם טאָג אָן, וואָס זי האָט דאָס קוויטעל אַרויסגעהאָנגען. דער יונגערמאַן איז פּשוט צוגעקאָכט געוואָרען צו דעם צימער, האָט זיך אַפילו נישט געדונגען און גלייך בעצאָהלט פֿאַר אַ האַלבען חודש.

דער יונגערמאַן איז טאָג-טעגליך אַוועקגעגאַנגען גאַנץ פריה און געקומען שפּעט ביינאַכט. געעפֿענט האָט איהם דער, ווער ס'האָט פריהער דערהערט קלאַפּען. ווען לאה האָט איהם די טיר געעפֿענט, האָט זי אַלע מאָל געבעטען, ער זאָל צוואַרטען אַ בי-

סעלע און ער האט אלע מאל לענגער געווארט. ווי ס'איז נויטיג געוועו... ער האט זיך אלע אינדערפריה ענטשולדיגט, וואס ער קומט שפעט און האט דאך ווייטער געטון דאס זייניגע. בכלל האט מען איהם אין שטוב נישט אנגעקוקט, און דאס צימער איז גאנצע טעג ביז שפעט בײנאכט געבליבען פריי, און דער פאטער האט עס געוואלט אויסנוצען, זיך געוואלט צושפארען נאכמיטאג, נאר לאה האט עס איהם קײנמאל נישט ערלויבט...

... לאה האט זיך מיט דער צייט שלעכט דערפיהלט, וואס דער שכן קומט שפעט בײנאכט און פון דעמאלט אן, וואס זי האט עס אנגעהויבען צו פיהלען, איז זי איהם שוין נישט ארויסגעגאנגען עפענען די טיר... גלײכער פאר איהר מ'זאל מײנען, אז זי ווייסט שוין גארנישט ווען ער קומט... און פערדראסען האט איהר אויף איהם, וואס ער געהט אזוי שטיל... וואס מאכט ער קינציגען, האט זי פערדראסיג געטראכט, צי ווייסט ער דען נישט, אז ער וועקט אלע אויף מיט זיין קלאפען... זאל ער בעסער בעוויזען זיין אײדעלקייט און נישט קלאפען פון נאכט אויף נאכט... אין זיינע שטילע טריט האט לאה דערקענט, אז ער וויל עפיס בעהאלטען, אז ער פיהלט זיך שולדיג ענטקעגען איהר, ענטקעגען מיידעל וואס איז דא אין שטוב...

די מוטער האט אין אײנעם א פריה-מארגען געזאגט צו דער טאכטער:

— וואס פאר א נאראנים זענען זיי, זי מיט דער טאכטער, מ'קען דאך נאך א שליסעל צומאכען!...

שוין עטליכע טעג ווי ער. לאה'ס שכן, קומט פארנאכט א פער'חיפל'טער, כאפט זיך ארײן צו זיך אין צימער און פערמאכט פעסט הינטער זיך די טיר. לאה'ן האט עס אײנצײטיג געפרעהט און געשראקען. דאס ערשטע מאל, ווען ער איז ארײנגעלאפען א צוטומלטער, איז זי, לאה, פונקט געשטאנען ביים שפיגעל אהן א בלוזקע. זי האט עפיס א מאדנעם קוויטש געטון און זיך ארויסגעצעט, גלייך ווי זי וואלט געמיינט, אז ווען זי וועט זיך נישט זעהן אין שפיגעל אהן א בלוזקע, וועט ער זי אויך נישט זעהן. נאר ער איז אזוי האסטיג פערבײגעלאפען, ווי ער וואלט זי נישט בעמערקט און במילא איז שוין ביי איהר אויסגעקומען נאריש דער קוויטש איהרער מיט'ן ארויסלאזען זיך נידריגער פונ'ם טואלעט-

מישעלע. זי האָט זיך זעהר דערשלאָגען געפיהלט פון דעם צו־פאַל, פון דעם, וואָס דער, וואָס האָט קיינמאָל נישט געטראַכט פון איהר, האָט זי געזעהן האַלב־נאַקעט און זעהענדיג זי, פערביי־געלאָפען גלייכגילטיג, איז איננאַנצען געווען פערטיפט מיט זיך מיט זיינע עפּיס אַנ'ערנסטער בחור'שער זאַך, וואָס זי וועט קיינמאָל נישט וויסען.. ס'האָט פערדראָסען אין בעליידיגט...

די צעטליכע פאַרנאַכטען, וואָס ער איז אויסערגעוועהנליך פריה געקומען, האָט ער זיך אַרומגעדרעהט ביי זיך אין צימער, האָסטיג געשפּאַנט פון איין אָרט אויפ'ן אַנדערען און אין זיין פערמאַכען היגטער זיך די טיר איז גענוג בולט געווען, אז ער האָט נישט געוואָלט ס'זאָל עמיצער אריינקימען צו איהם, אז ער איז דאָ א פרעמדער אין שטוב און קיינעם דאַרף נישט אָנגעהן, וואָס ער דרעהט זיך אַרום, וואָס ער לעבט איבער... ווען ער וואָלט עס נישט געגעבען צו פיהלען, וואָלט לאה אַריינגעגאַנגען צו איהם און וואָלט איהם געפרעגט, וואָס מיט איהם איז.

לאה איז דאָך פון איין זייט געווען גאַנץ צופרידען, וואָס ער קומט פאָרט פריה.. כאָטש געשפּירט האָט זי, אז דאָס איצ־טיגע פריה־קומען מיט'ן פריהערדיגען קומען שפעט ביינאַכט האָט א שטאַרקען צונויפבינד. אַזוי צי אַזוי איז זי דאָך געשטאַנען ביים פענסטער אַנ'אויסגעפוצטע, אַנ'אָנגעפודערטע און האָט איהם דער־וואַרט. זי האָט איהם געוואָלט זעהן און געוואָלט ווי עס איז איהם געבען אָנצימערקען, אז זי זעהט, אז ער איז פון עפּיס פערצאָגט, אז זי האָט מיטלייד מיט איהם, נאָר זי פרעגט איהם גאָרנישט, דערפאַר וואָס ער האַלט זיך אַזוי אין חיל נישט קיינעמ'ס מיטגע־פיהל...

אויפ'ן פינפטען צי אויפ'ן זעקסטען אָווענד איז ער גלייך־אריינקומענדיג אין שטוב אַריין, צוגעגאַנגען צו לאה'ן און געזאָגט מיט א מאָדנער צוטראָגענקייט:

— פרײַליין לאה, איהר וועט זיך אפּשר א ביסעל דורכגעהן?

עפּיס האָט ער עס שוין געזאָגט מיט א צו־דרייסטען טאָן, ווי ער וואָלט זיכער געווען, אז זי, לאה, וואַרט שוין לאַנג דערויף. איהר האָט דער טאָן פערדראָסען און אין דער גאַנצער אימבע־וועגליכער האַרטקייט אויף זיין פנים האָט זיך נישט געשפּירט, אז ער בעגעהרט דאָס, וואָס ער האָט מיט'ן מויל אַרויסגערעדט און דערפאַר האָט זיך ביי איהר א געדאַנק אדורכגעוואָרפען: נאָך וואָס

דאַרף ער מיך?" און האָט איהם שוין געוואָלט אָבזאָגען, נאָר האָט ניט געקענט און זיך דיפּלאָמאַטיש אויסגעדרעהט:

— איהר זענט עפּיס ניט געזונד, זעה איך! — און דער־פאַר, הייסט עס, זאָגט זי איהם ניט יאָ און ניט ניין.

און ער האָט ביים‌ענד בעמערקט:

— אַט דער איינעניגע ליט זענען!... איהר קענט ניט ענט־פערן גלייך צו דער זאַך... איך האָב אייך געפרעגט, צי איהר האָט א פערלאַנג זיך אַ ביסעל דורכצוגעהן. איז, דאַכט זיך, אייער פּער־זענליכע רעכט צו ענטפערן יאָ צי ניין, זאָגט איהר מיר, אַז איך בין עפּיס ניט געזונד... וואָס־זשע דאַרף איך דערפון פערשטעהן, אַז איהר געהט, צי איהר געהט ניט?

לאה האָט איהם געענטפערט:

— מיר ענטפערן אלע מאָל דאָס, וואָס מיר דאַרפען, נאָר אייך „איינעניגע ליט", דאַכט זיך, אַז ס'איז ניט צו דער זאַך... דאָס איז דערפאַר, וואָס איינעניגע ליט פערשטעהען אונז ניט... אָט וואָס!...

„אָט וואָס", האָט ער אויטאָמאַטיש איבערגעחזר'ט, און ס'איז געוועזען פּונקט, אַז ער איז שטאַרק אויפגעטרעט און אַז ער איז שוין נאַרנישט אויפגעלעגט צו געהן שפּאַצירען. דאָס האָט לאה בעמערקט און ווידער איז אַרויסגעשפּרונגען די פראַגע:

„נאָך וואָס דאַרף ער זי?"

און זייענדיג זיכער, אַז ס'איז ניט דאָס דאַרפען, וואָס דאַרף צו זיין, האָט זי זיך בעליידיגט און ניטיג געפיהלט און דאָך איהם אָבזאָגען ניט געקענט...

און ער איז געוועזען אַזוי אונגעדולדיג און אינטאַקטיש, האָט האַרט און טרוקען, כמעט ווי בייזער'דיג זיך, אַ פרעג־געטון:

— נו, איהר געהט?!

זי איז געוועזען אין אַ שטאַרקער פערלעגענהייט. אָבזאָגען איהם הייסט עס, זיך אָבזאָגען אויף אַלע מאָל... וועט ער זי שוין מעהר קיינמאָל ניט בעטען געהן מיט איהם שפּאַצירען, און דער גאַנצער אויפטו איהרער וועט הייסען אַזוי גלייך ווי באַנקראָט; געהן קען זי ווידער ניט... איז איהר איינגעפאַלען: אַ שמייכעל־שוין... און געדאַרפט האָט ער פערשטעהן דעם שמייכעל אַזוי: זי זאָגט איהם ניט אָב, נאָר זי וויל ער זאָל זי בעטען, ניט פאָדערן בייַ איהר. זי האָט איינצייטיג מיט דעם שמייכעלע בייַ איהם אַ

ביסעל ווייכקייט געוואָלט אַרוים־ופען און לאה האָט געמיינט, אַ עס האָט טאַקע געהאָלפען, ווײַל אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער מיט אַ ווייך קול געזאָגט:

— קומט, איך בעט אייך!

ערשט נאָכדעם האָט זי געענטפערט, געהט זי פרעגען בײַ דער מאַמען, כאָטש זי האָט אפילו נישט געקלערט צו פרעגען נאָר געוואָלט האָט זי בעווייזען, אַז זי איז אַן אָרענטליך קינד... אַז זי איז נאָך נישט אין יענער עלטער, וואָס זי דאַרף שוין בײַ דער מוטער קיין דעות נישט פרעגען... די מוטער איז געווען אין שלאָף־צימער און גרייט געמאַכט די בעטען. לאה האָט אַרײַנגע־שטעקט דעם קאָפּ און געזאָגט:

— מאַמע, איך גיה אַוועק!

— וואוהין? — האָט די מוטער געפרעגט.

— שפּאַצירען! — האָט לאה מיט אַלט־מעדעלשער זעלבסט־ווירדע געענטפערט.

— אַליין?

— דוקא נישט אַליין! — האָט זי געזאָגט, אַ דרעה געגעבען־דיג זיך אויף אַ קנאַפּעל — מיט׳ן קוואַרטיראַנט גיה איך!

„אַ גאַנץ לייטישער יונגערמאַן" האָט די אַלטע אַ טראַכט־געטון און געפרעגט:

— ווען־זשע וועסט דו קומען?

געדאַרפט האָט זי ענטפערן, אַז זי וועט קומען וואָס פריער, נאָר איהר האָט זיך דוקא געגלוסט קומען וואָס שפּעטער...

— ... איך וועל קומען! — האָט זי אַ מורמעל־געטון.

ס׳איז נאָך גרויסער טאָג געווען, ווען זיי זיינען אין פּאַרק געקומען, נאָר אין פּאַרק צווישען די געדיכטע בוימער איז שוין געווען טונקעל און געשפּירט האָט זיך עפּיס אַ מין שטילע געמיט־ליכע גרינע רוהיגקייט און זאָרגלאָזיגקייט. אין די ברייטע אַלעען, וואָס זענען געווען אויסגעשאָטען מיט ים־שטיינדעלעך, האָבען זיך איינציגווייז, גאַנצע גרופּעס און פּאָרלעך יונגע און עלטערע מענ־שען אַרומגעדרעהט. און געשורשעט און געראוישט האָבען די קליי־נע שטיינדעלעך אונטער זייערע פיס. פון אַלע זייטען האָבען זיך געלאָזט הערען פרעהליכע לעבענס־פולע לעבענס־לוסטיגע קולות, וואָס האָט זיך אויסגעמישט מיט׳ן מוזיק־אָרקעסטער, וואָס האָט

ערגיין טיף אין פארק געשפילט. עס איז געוועזן צו זעהן, אז יעדער איינציגער פיהלט זיך דא היימליך און ווייסט וואס צו טון כדי די צייט גוט צו פערברענגען. נאר איין פארל האט זיך דארטען ארומגעדרעהט, און זיך געהאלטען איינס געבען דאס אנדערע, אזוי ווי זיי וואלטען זיך פלוצלינג דא אין פארק צונויפגעגאנגען און באיידע בעמערקען עס נישט און יעדער איינציגער מיינט, אז ער געהט אליין... אויף איהם איז שוין צו קענטיג געוועזן, אז ער האט איינגאנצען פערגעסען, אז ער איז מיט עמיצען אהער געקומען, האט אויסגעזעהן אויסערגעוועהנליך נערוועז און צוטראגען און האט נייגעריג און אויפמערקזאם נאכגעשפירט יעדעם מיידעל. צייטענוויין איז ער פערלאפען אויף פריהער אדער איז געבליבען פון הינטען.

א בליץ דא, א בליץ דארטען. דאס האבען זיך די עלעקטרישע לאמפען אנגעצונדען און האבען צווארפען ארום זיך א צארטע לבנה־בלאסקייט און דארטען צווישען געדיכטע בוימער, וואו עס איז פריהער געוועזן טונקעל, איז איצט פינסטער געווארען און אנ'איינדרוק האט זיך בעקומען, אז די בוימער זענען זיך נעהנטער צונויפגעגאנגען, די צווייגען זענען געדיכטער געווארען.

לאה האט נישט געוואוסט וואס צו טראכטען... זי האט נאר געפיהלט, אז איהר מערקעלשע זעלבסט־ווירדע ווערט עפיס אויף א בעזונדערן און אייגענארטיגען אופן בעליידיגט און קיין סארשטעלונג נישט געהאט, נאך וואס און פאר וועמעס־וועגען דאס ווערט געטון... זי האט געגאפט און שטיל געשוויגען...

פלוצלינג אומגעריכט האט זי דער שכן אונטער דער האנד געכאפט און פערגרעסערנדיג דעם שפאן, איילענדיג, מבולבל'דיג, אנגעהויבען שיטען מיט ליבע־ווערטער, וואס האבען נישט געקלעבט איינס צום אנדערן.

דאס איז ווידער געוועזן אויסערגעוועהנליך.

וואס איז דאס: חוזק? האט ער גערעדט דאס אין גערמיינט עפיס אנדערש? ניין! זי האט געפיהלט, אז ער וויל גארנישט פון איהר מיט זיין חוזק מאכען און האט זיך דאפעלט בעליידיגט געפיהלט און דערפאר אליין שוין קיין מיט נישט געהאט צו פראטעסטירען...

ער האט זי געשלעפט און געפליסטערט ווי א שכור אדער ווי איינער פון היץ. ער האט זי פעסט געהאלטען אונטער דער

האַנד ווי ער וואָלט מורא געהאַט, זי זאָל פֿון איהם נישט אַנטלויפֿען. פֿאַראויס, פֿאַר זיי, איז עפּיס נעגאַנגען אַ פּאָרל. די „זי“ פֿעסט געשלאָסען אין׳ם „ער“. זי האָט היסטעריש געלאַכט און פֿון צײַט צו צײַט אויסגעדרעהט דעם קאָפּ אויף הינטען און א טראָגענעם קוק געוואָרפֿען אויף זיי, אויף לאה׳ן מיט׳ן שלמ׳ן. זיי האָבען זיך אַ פּאָר מאָל אָבגעדרעהט אויף אַ צווייטער זײַט, נאָר דער „ער“ פֿון הינטען איז זיי נאָכגעגאַנגען און געשלעפּט מיט זיך לאה׳ן, געשאָטען מבולבל׳דיג מיט ליבעס-ווערטער און שטאַרק געסאָפּעט. דאָס האָט אַזוי לאַנג געדויערט, ביז לאה האָט זיך געטין א שטעל אָב און אויסגעשריגען:

— הערט!...

מעהר האָט זי קיין ווערטער נישט געהאַט און ווען זי זאָל אפילו געוועזען האָבען, איז אויך נישט געווען צו ווערמען צו רעדען; זי האָט עס ערשט דערזעהן נאָכדעם, ווען ער איז איהר שטעהן געבליבען אַנטקעגען ליכט פֿון אַ לאַמטערן. א לעבעדיגען מת האָט זי דערזעהן פֿאַר זיך, א מת מיט פֿיבעריש גלאַנציגע איגען און געדאַכט האָט זיך איהר, אַז ער איז אינגאַנצען עפּיס ווי קלע־נער און דאַרער געוואָרען און האָט איהר דערמאַנט אָן אַ האָן נאָך אַ לאַנגען שווערען קאַמף.

זיי זענען געשטאַנען עטליכע מינוט און איינס אויף דאָס אַנדערע געקוקט און געוואַרט. איינער דעם צווייטען זאָל עפּיס זאָגען און ער האָט צום לעצט אויסגערופֿען:

— איך בין אַזוי אומגליקליך!...

ער האָט זיך צוגעשלעפּט צו אַ באַנק און סײַ אין זײַן צו־געהן און סײַ איז זײַן אַוועקזעצען זיך איז געווען צו דערקענען, אַז ער האָט אינגאַנצען פֿערגעסען, אַז דאָ איז נאָך דאָ עמיצער מיט איהם. לאה, האָט געוואָלט אַהיים געהן, נאָר האָט מורא גע־האַט אַליין צו געהן, און זאָגען איהם, ער זאָל מיט איהר אַהיים געהן, האָט זי נישט געקענט, ווײַל עס איז איהר אינגאַנצען פֿרעמד געווען און האָט איהר געטהון מעהר, וואָס עס קען מען אַנ׳אַזוינע־נער... ס׳האָט זי געפֿרעהט, וואָס ער איז אומגליקליך און דאָך האָט זי שטאַרק בעגעהרט צו וויסען, און וואָס זײַן אומגליק בעשטעהט.

זיי זענען געזעסען ווײַטער איינס פֿון דאָס אַנדערע ווי אומבעקאַנטע, ווי פֿרעמדע, וואָס מ׳האָט שוין געזעהן א קוק איינם

אויף דאָס אַנדערע און מ'איז זיך נישט געפעלען געוואָרען...

פרום עלף אַזייגער זענען זיי אַהיים געגאַנגען; זיי זענען געגאַנגען צוזאַמען. זיי האָבען געשוויגען, ווייל ביידע זענען צוזאַמען אַהער געקומען; געמוזט אויך דערפאַר, ווייל זיי האָבען בעזונדער נישט געקענט געהן און נישט געקענט האָבען זיי געהן בעזונדער, ווייל זיי זענען ברוגז נישט געווען און ברוגז נישט געקענט זיין, ווייל זיי זענען כמעט ווי אומבעקאַנט געווען, אויף לעצט זענען ביידע געגאַנגען צוזאַמען, ווייל ביידע זענען אין איין שטיב אַריינגעגאַנגען, און די אַלע זאַכען אינאיינעם זענען געווען אַ סך ערגער ווי ברוגז און נאָך ערגער ווי אומבעקאַנט.

אין דער היים האָט לאה געטראָפען דעם עלטער ברודער און ווי דער קאָפּ איז איהר געווען דער'הרג'עט, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם, וואָס ער טוט דאָ אַזוי שפּעט. ער איז אַזוי פרעמדליך און דאָך נישט היימליך געזעסען ביים טיש צושפּרייט ווי עס קען נאָר זיצען אַ זוהן ביי די עלטערן, און יועלכע ער נויטיגט זיך שוין נישט, נאָר וואָס נויטיגען זיך אין איהם. ער איז געזעסען אין אַזאַ פּויזע, ווי איינער וואָס קומט אַריין אויף אַ פּאָר מינוט און דערזיצט זיך אויף אַ גאַנצע שעה. זעהט אויס, האָט עפּיס אַן ערנסטען שמועס געפיהרט מיט דער מוטער און האָט געוואַרט אַזוי לאַנג, ביז וואַנען זי וועט קומען, ווייל ווי זי איז נאָר אַריינגעקומען, האָט ער זיך אויפגעהויבען און אינטערוועלכעס אַ קוק געוואָרפען אויף איהר בעגלייטער, וואָס איז פלינק אַדורכגעלאָפען די שטוב און איז שוין ביי דער טיר, ביי זיין טיר, געווען, ווען די אַלטע האָט מיט אַ גליקליכען שמייכעלע איהם אַ רוף געטהון:

— פּאַניע געלמאַן! בעקענט זיך, דאָס איז מיין זוהן, מיין עלטערער זוהן!...

און ביידע האָבען זיך די הענד געגעבען.

די אַלטע איז געווען שטאַרק אויפגעלייגט. זי איז געווען צופרידען, וואָס די טאָכטער איז נישט פריה און נישט שפּעט געקומען... פּונקט יענע צייט, וואָס נאָך איהר דאַרף קומען אַנ'אָרנטליך מעדעל פון'ם שפּאַציר מיט אַזעלכען, מיט וועמען ס'קען ווערען אַ שידוך.

דער שכן האָט זיך פּטור'ט נאָך דער בעקאַנטשאַפט אויסגעדרעהט און אַוועק צו זיך אין צימער. דער זוהן און ברודער איז געשטאַנען אַ פּאָר מינוט, האָט קענטיג עפּיס געוואָלט זאָגען און

דערבײַ אויפמערקזאַם געקוקט אויף דער שוועסטער, וואָס איז גע־שטאַנען בײַם שפּיגעל און צראָבנ׳יוואָרפען פון זיך דעם טואַלעט. ווען זי איז געבליבען אין הינטערשטען קליידעל, האָט זי געזאָגט:

— מאַמע, איך בין טויט־הונגעריג!

ס׳איז נישט געווען אמת, זי איז הונגעריג נישט געווען. זי האָט נאָר דערמיט געוואָלט געבען אָנצוזעהערען, אַז זי וואָלט אַזוי פריה נישט געקומען, ווען זי וואָלט „טויט־הונגעריג״ נישט געווען...

לאה איז נאָכ׳ן עסען אַרויסגעגאַנגען אויפ׳ן באַלקאָן. די מו־טער איז איהר מיט׳ן לעמפּעל נאָכגעגאַנגען. זי האָט געזעהן, די אַלטע, אַז די טאָכטער איז עפּיס נישט אויפגעלייגט פון שפּאַציר געקומען, האָט זי געוואָלט מיט איהר זיצען, ס׳זאָל איהר פרעה־ליכער זיין און אפשר האָט זי עפּיס צו דערציילען, די טאָכטער... זי איז דאָך אַ מאַמע.

— נאָך וואָס דאַרף איך דאָס לעמפּעל?! — האָט לאה זיך אָנגעבייזערט.

די אַלטע האָט נישט צוגענומען דאָס לעמפּעל, זי האָט עס נאָר איינגעדרעהט און געזאָגט:

— דער טאַטע האָט געפרעגט, וואו דו ביזט... האָב איך איהם געזאָגט, אַז דו ביזט אַוועקגעגאַנגען מיט אַ חבר׳טע׳רין שפּאַצירען...

די אַלטע האָט מיט די ווערטער געוואָלט בעווייזען, אַז זי, די מאַמע, פערשטעהט די טאָכטער און איז מיט איהר „בלאַט״, מעג זי, די טאָכטער, אָפענהערציג זיין מיט דער מאַמען...

לאה האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר אין אַ פּאָר מינוט האָט זי געפרעגט:

— מאַמע, דו קלערסט נאָך נישט צו געהן שלאָפען?

— און דו? — האָט די מוטער געפרעגט.

זי איז אַוועקגעגאַנגען, די אַלטע, מיט אַ געדאַנק „האָט זיך מיט איהם נישט פּאָליובעט״ אין האָט זיך פערהאַלטען אַ ווילע אין שטוב און זיך איינגעהערט צו די האַסטיגע טריט, וואָס האָט זיך געלאָזט הערען פון שכנ׳ס צימער.

לאה׳ן איז די מוטער אין דעם מאָמענט אינגאַנצען פערגעסען געווען... זי איז נאָך קיינמאָל אַזוי אינגאַנצען נישט געזעסען פערנו־

מען מיט זיך... דאס וואס זי האט איבערגעלעבט, איז געווען אויסערגעוועהנליך. זי האט עס פאר קיינעם נישט געקענט דער־צעהלען און אליין נישט געוואוסט ווי אזוי דאס צו בענעהמען אין צו טראכטען דערפון... ס'איז איהר געווען א גרויסער וועהטאג און א בזיון פאר זיך אליין... מיט וואס פאר א רעכט האט אט דער פרעמדער, כמעט ווי אומבעקאנטער, יונגערמאן זי אויסגענוצט פאר זיינעם, פאר איהר נישט פערשטענדליכען ציל... מיט וואס פאר א רעכט האט ער מיט איהר אזוי גראב געהאנדעלט.

און וואס וועט ווייטער זיין? האט זי געוואלט וויסען. צי איז דער היינטיגער אוונד געווען אן'אנהויב מיט א סוף, צי ס'וועט נאך עפים זיין?... וואס־זשע אזעלכעס קען נאך זיין, אזעלכעס ווי היינט?.. אדער דערמיט וועט זיך ענדיגען, און זי וועט קיינמאל נישט וויסען „יוער ס'האט זי געשלייערט"?

יא,.. ער האט געזאגט, אז ער איז אומגליקליך... זי וואלט אפשר דאס גאנצע האנדלען זיינס מיט איהר מוחל געווען, ווען ער דערצעהלט איהר, ווען ער רעדט זיך אויס זיין הארץ פאר איהר, נאר ער האט דאס צו טון נישט געפונען פאר נויטיג...

און וואס וועט זיין, אז ער וועט זי מארגען ווידער רופען, וואס וועט זי טון?... צי איז מעגליך נאך אזא אנהויב א גוטער סוף... צי קען זי נאך אויף עפים האפען?..

ער איז אומגליקליך... זי אויך... דערפאר איז געווען א מיאוס'ער אנהויב, דערפאר קען זיין א שעהנער סוף...

אין הויף איז געווען פינסטער, שטיל און רוהיג. ס'איז געווען אזוי שטיל און היימליך רוהיג. ווי יעדען איינציגען, וואס בלייבט ביי זיך אין הויף שפעט אין דער נאכט זיצען, צונויפגע־גאסען מיט איהר היימליכער רוהיגקייט און שטילקייט, האט לאה געקוקט אויפ'ן איין און איינציגען בעלויכטענעם פענסטער אין הויף, אויף זייער איינענעם פענסטער, וואס איז געווען פערנומען פון א פרעמדען מענשען, וואס האט זיך היין און צוריק ארומגע־דרעהט אין אזא צייט, ואס אלע שלאפען שוין. זיין פענסטער איז געווען דאס דריטע פון באלקאן און דערצו נאך מיט א פארהאנג פערהאנגען, אזוי, אז זי האט דארטען גארנישט געקענט זעהן א חוץ דעם שאטען, וואס איז אלע מאל אויפ'ן פארהאנג ארויפ־געפאלען און איז צוריק פערשוואונדען געווארען.

ס'האט עפים איינפערזיכטיג ביטער פערדראסען: דרעהט זיך

אַרום בײַ זײ אין שטוב אַ יונגער מאַן, וואָס לעבט זיך מיט זײַנעם אַ בעזונדער פרעמד לעבען.. ס'איז דאָ אַ מעדעל אין שטוב; אַהרט איהם נישט, וואָס אַזעלכע איז דאָ, האַלט ער זיך פרעמד און ווײַט פון איהר, קענטיג יענער האָט זיך אַרײַנגעצויגען אַהערצו מיט אַ גרויס פאַרטיגער אָבגעזונדערטקײַט, האָט זיך גלײַך בעוויזען מיט זײַן שבנ'ישער פרעמדקײַט.. א קוואַרטיראַנט, וואָס קומט נאַכט אויף נאַכט מיט זײַן אייגענעם שליסעל, עפענט זיך שטיל די טיר און קײנער הערט נישט, ווען ער קומט און דאָס איז קײנעמס עסק נישט און דאָס וואס ער קומט שוין עטליכע וואָכען שפּעט אין דער נאַכט — וואוּנדערן פריה, דאָס איז אויך זײַן אייגענע זאַך און זײַן זאַך איז אויך דאָס, וואָס ער האָט פּלוצלינג אַוועקגעשלעפּט זי, לאה'ן, אין פּאַרק אַרײַן און געשפּילט מיט איהר אַ נאַריש-מיאוס'ע ראָלע... נײן!, האָט לאה כמעט ווי אויסגעשריגען, דאָס מוז זי וויסען און האָט דאָס רעכט צו פאָדערן בײַ איהם אַנ'ערקלערונג... זי וואָלט גאָרנישט געזעסען איצט און געטראַכט פון איהם... יאָ, מאָרגען פאָדערט זי בײַ איהם אַנ'ערקלערונג...

ס'איז געווען שטיל, וואַרעם און פינסטער און דאָס אַלעס צוזאַמען האָט גערייצט און גערופען צום לעבען... עפּיס א מין זיסע לײַדענשאַפטליכע פוילקײַט האָט געבראָכען און געצויגען יערען אבר... אַלעס איז איהר קלאָר געווען... זי האָט נאָך קײנמאָל אַזוי דײַטליך נישט געפיהלט, וואָס זי וויל, ווי איצט... און ס'האָט פערדראָסען, וואָס דאָרט „בײַ זײ" דרעהט זיך אַרום אַ יונגערמאַן, וואָס האַלט זיך פרעמד און אָבגעזונדערט און ס'פאַלט איהם נישט אײַן אַרויסצוגעהן אַ קוק געבען, אפשר זיצט זי, אפשר וואַרט זי...

אפשר וואָלט זי נאָך הײַנט אַרײַנגעגאַנגען צו איהם און געפרעגט בײַ איהם אַנ'ערקלערונג?...

פון יענער זײַט מויער, וואו ס'האָט זיך געשפּירט דער נאַכטיגער אומעט און נאַכטיגע פרעמדקײַט, איז אַ דראָזשקע אַדורכגעפאָהרען, וואָס האָט אַזוי האַרט-רויש'ג און טרוקען געטאַראַראַםקעט אויף דער מיט שטײן געפּאַנצערטער ערד אין דאָס האָט נאָך מעהר געגעבען צו שפּירען די פאַר'ן-מויערדיגע נאַכטיגע פרעמדקײַט און היימישע אײנזאַמקײַט..

דער שכן האָט אַלס האַסטיגער און אומרוהיגער געשפּאַנט איבערן צימער און געראַכט האָט זיך, אַז דער גאַנצער הויף הערט זיך אײַן מיט זײַן גאַנצער שטילקײַט צו די טריט זײַ... לאה האָט

עפּים אָנגעהויבען אומרוהיג צו ווערען און איהר איז איינגעפאַלען. אפשר וואָלט זי נעדאַרפט אַ קוק געבען... נאָר זי האָט זיך נישט געגלויבט, זי איז געווען זיכער אַז עמיצער אין איהר וויל זי אַזוי אַרום פערנאַרען און זי אַריינשלעפּען צו איהם... זי וועט נישט געהן!... געצויגען האָט זי אַהינצו, נאָר זי האָט דאָס ציהעניש מעדעלש אויסגעטייטשט און די מערעלשקייט האָט זי אָבגעהאַלטען: זי וועט נישט געהן!... און אפשר וואָלט זי איהם אין טיר אָנגעקלאַפּט, ער זאָל אַזוי נישט אַרומשפּאַנען... ער לאָזט נישט שלאָפען... אויך דאָס האָט זי זיך נישט געקענט בעשליסען צו טון, ס'איז ביי איהר געבליבען איין מיטעל: איהם געבען צו וויסען, אַז זי זיצט דאָ...

זי האָט אָנגעהויבען צו זינגען, אָנפאַנגס גאַנץ שטיל נאָכדעם אַלץ העכער און העכער און האָט בעמערקט, ווי דער שאָטען אויפ'ן פאָרהאַנג איז שטעהן געבליבען... דער שאָטען האָט זיך איינגעהערט, און עפּים אַזוי געדיכט און שוואַרץ איז ער אויפ'ן פאָרהאַנג געלעגען, ווי ער וואָלט שוין אַליין דער מענש געווען, ווי אַ חוץ איהם וואָלט שוין קיינער נישט געווען...

און ס'האָט זיך געזונגען אַלץ שטאַרקער און העכער, האַרציג-ווייכע, נאַכטיג-אומעטיגע טענער האָבען זיך אין דער שטילער שוואַרצער לופט געגאָסען און צייטענווייז האָט זיך געדאַכט, אַז ערגיץ האָט זיך אַנ'איינזאַמע פערוואָגעלטע מעדעלשע נשמה אין אַ תּפלה צוגאָסען... אַ נאַכטיגע תּפלה פון בענקשאַפט און ליידענשאַפט...

זי האָט געזונגען און דער שאָטען האָט זיך איינגעהערט... און דאָס האָט לאַנג געדויערט... נאָכדעם האָט דער שאָטען אַ האַנד אויסגעצויגען און צוריקגעטראָגען אַ גלאָז... און עפּים האָט ווייטער געדויערט... געזונגען צי נישט?...

די שטילקייט, האָט זיך איהר געדאַכט, ווערט פון מינוט צו מינוט אַלץ אָנגעצויגענער און אָנגעצויגענער, ווי אַ פּראָווישינע, און אָט וועט זי פּלאַצען... און אָט נעהמט ער, דער שאָטען, און טראָגט פּאַמעליך דאָס גלאָז צום קאָפּ צו, ניט אַ טרונק... — —

— — — — — — — — — — — — —

דער זעלבסט-מערדער האָט נאָך זיך אַ צעטעלע איבערגעלאָזט, אין וועלכען ער בעט קיינעם נישט צו בעשולדיגען אין זיין טויט. נאָר אַלע אין היים, ביי די אייגענע סיי פרעמדע, האָבען

ביי זיך נעטראַכט, אז א שולדיגער איז יאָ פאַרהאַן און האָבנדיג געקוקט אויף לאה'ן מיט פיל־רייטליכע פראַגע־בליקע. די לעצטע האָט עם פערשטאַנען און געפונען פאַר צוועק־מעסיג זיך נישט וויסענדיג צו מאַכען...

אנדערהאַלבען מעת־לעת איז ער געלעגען, דער שכן, געלעגען אין זיין מעדעלש־אויסגעפוצטען צימער. די לופט נישט קוקענדיג, וואָס די פענסטער זיינען געווען אָפען, איז געווען מיאוס און שטיקענדיג און געפיהלט האָט זיך, אַז דער בעל־הבית פון שטוב איז „יענער", אַז ער האָט פערלאַפט אַלעמען און אַלעם און אַז דאָס איז דער אומבעקאַנטער, אויף וועמען אַלע און אַלעס האָט יאָהרען־לאַנג אונגעדולדיג געוואַרט. לאה, האָט די גאַנצע אַנדערהאַלבען מעת־לעת צווישען די אומבעקאַנטע, וואָס זענען געקימען דעם זעלבסט־מערדער בעזוכען, געזוכט איינע... ערגיץ טיף אין דער נשמה האָט זי געשפירט, דאַרף קומען איינע... זי איז געקומען די לעצטע שעה, איידער מ'האָט דעם מת אַרויסגעטראָגען, זי איז נישט אַריינגעגאַנגען אין שטוב, נאָר האָט זיך זייטיג, ווי זי וואָלט נישט געוואָלט מ'זאָל זי בעמערקען, אין הויף אַרומגעדרעהט. אַ הויך־וואוקסיגע, אַ שלאַנקע. קיין פּנים האָט מען כמעט ווי נישט געזעהן, ווייל דער גאַנצער קאָפּ איז, ווי אום ווינטער אין גרעסטען פראָסט, געווען אַרומגעוויקעלט און איינגאַנצען איז זי געוועזען אָנגעטון אַזוי העסליך ווי אַנ'אייגענע שטאַרק־נאָהענטע טוט זיך אָן צו געהן נאָך אַ לויה...

לאה האָט עפּיס אַ מאָדנע איי־פערזולט געשפּירט... זי איז זעהר נישט צופרידען געווען פון אַזאַ אַרומדרעהען זיך אין הויף, זי האָט נישט געוואָלט, ס'זאָל זי עמיצער בעמערקען און זיך אָנשטויסען אַז „דאָס איז זי"...





פער׳כשופ׳טע שלעסער—זיי קענען געלערענט
האב גוט איך און בעסער פון לאנג שיין א סברה:
די פענסטער די קלארע קריסטאל-ריין זיך שפיגלען,
פון גינגאלד געהאמערט דארט זענען די ריגלען.

די װענד לויטער זילבער, די שענסטע מעבלירונג,
און אומעטום צירונג און אוצרות נאר זעלטע,
און דארט וואוינט מיין כלה, די שטאלצע פרינצעסין
איך בין דארט מיט פרינצען נישט איינמאל געזעסע.

איך קען גוט די שלעסער, די פרינצען נאך בעסער,
די שלעסער—מיין אייגענס, די פרינצען—נאר שקלאפען:
איך האב זיי דאך אלע צום דינסט פון מיין כלה
אין שלאפלאזע נעכט פון חלומות בעשאפען.

און כ׳קען זיך איצט דרייסט מיט די רייכסטע פערמעפטיג׳
פון אוצרות פון גרויסע פערמאג איך דעם גרעסטען. —
נאר איינס, וואס איך האב נישט אין קיינמאל געהאט:
א שטוב ווי געהעריג און עסען צו זאט...

משה טייטש.



י. י. זינגער.

אויף די „גורקעס“.

אַז ס'קומט נאָך סוכּות, די ערד פון די גורקעס הויבט זיך אָן הארטעווען און קראָהען, גאַנצע מחנות, בעדעקען די געל־ליבע צוייגקראָכענע בערג, דעמאָלט איז די איינציגע לעבעדיגע צייט אין נטע מיידאַניק'ס הייזעל.

אַ גאַנץ יאָהר איז טרויעריג ביי נטע'ן אין הייזעל. נטע און שפּינצע—זיין ווייב, זענען דאָרפס־געהער. ווי נאָר ס'קומט זונטאג פאַרטאָג, נעהמט מען גלייך צוויי לעדיגע זעקלעך אויף די פּליי־צעס, מ'פערבינדט מיט אַ טיקווע פון הינטען, ס'זאָל אַראָפּשטויסען, מ'לאָזט זיך אויף די דערפער און ערשט פרייטאָג פאַרנאַכט קומט מען צוריק מיט פולע זעקלעך און מיט געבויגענע רוקענס. אין שטוב בלייבען נאָר לאה'קע און ירמקע—זייערע קינדער, איינער פון צווייטען מיט אַ יאָהר געדרוקט—און נטע'ס מאַמע, אַן אַלטע, גע־לייגט בעשעפעניש, פערקנוילט אין שמאַטעס, אין אַ ווינקעל שטוב. די קינדער פאַרען זיך, זאָרגען פאַר זיך, זעהען זיך אַליין צו שפּיי־זען, און דאָס געליימטע בעשעפעניש ליגט שטענדיג אויף'ן רוקען, ריהרט נישט מיט קיין אבר, פינטעלט נישט מיט קיין אויג, נאָר אָדער עס ברומט אָהן ציין, אָדער עס גלאָצט גלייך מיט פערגלי־ווערטע אויגען.

לאה'קע און ירמקע לעבען ווי גרויסע, ווי טאַטע־מאַמע. זיי הויבען זיך אויף פריה, לאה'קע פערשאַרצט די אַרבעלעך ביז די עלענבויגען, שיילט שנעל קאַרטאָפעל, שאָבט אויס מיט'ן שפּיץ מעסער די ווערמדיגע אייגלעך און שניידט אין עק פאַרטיבעל, בונקט, ווי די מאַמע; ירמקע הויבט אַ האַק, וואָס איז שיער אזוי גרויס ווי ער אַליין. שפּילט אין די הענטלעך, האַקט אין אַ קרומער

צוהײַנג און זיפּצט ווי אַנ׳אַלטער האַלצהעקער:

— האָ, הו, האָ, הו!

נאָר דאָס דויערט נישט לאַנג, די קאַרטאָפּעל קאָפּען באַלד אויף, מ׳שיט אוים די שטוב מיט געלען זאַמד, און ס׳איז גאָרנישט דאָ, וואָס צו טון.

ווינטער איז נאָר שלעכט אויף די גורקעס. אין דרויסען איז קאַלט, די גאַנצע שויבעלעך ווערען פאַרפרוירען, די אויסגעבראָבענע — מיט שמאַטעס און קישענס פאַרדעקט, און די אַלטע ברומט כסדר אָהי צײַן. זיי קוקען זיך נישט אום, די קינדער, אויף דער קנויל — צײַט זיי האָבען אָנגעהויבען הערען, האָבען זיי אַלין דאָס אײנענע שטומע ברומערײַ אין זיך אײַנגעהערט און זיך צוגעוואוינט דערצו, ווי צום גרילצען פון דער גריל. וואָס הערט נישט אויף איהרע קינות סײַ בײַטאָג, סײַ בײַנאַכט. אַמאָל נאָר, אַז די קנויל ציברומט זיך שרעקליכער, געדיכטער — גייט לאה׳קע צו צו די שמאַטעס און פּרובט אַ ריהר טון, נאָר דאָס בעשטעפּעניש ליגט אומרײַן און די קינדער שפּײַען אוים און צולאַכען זיך:

— פּע, אַלטע...... פּע, אַלטע......

די אַלטע גלײַך אויפ׳ן רוקען גיט נישט קיין ריהר מיט קיין אבר, גיט נישט קיין שאָקעל מיט קיין אויג, נאָר גלאָצט אויף די לאַבעדיגע קינדער מיט פאַרגליווערטע אויגען.

אין שטוב איז דונקעל, פּײַכט, די סטעליע פלעקט, דאָס לײם געשווילט, און שמוציגע טראָפּענס קײַקלען זיך לאַנגזאַם אראָב. אין ווינקעל, וואו די אַלטע ליגט פאַרקנוילט, נעצט מעהר ווי אומעטום. די אַלטע ליגט גלײַך נעגען נאַסען פלעק, גלאָצט מיט די פאַרגליווערטע אויגען, און איין טראָפּען נאָכ׳ן צווייטען לאָזט זיך איהר אויפ׳ן פּנים — אײנער אויף דער נאָז, אײנער אויפ׳ן שטערן, און ווידער אַזוי — אײנער אויף דער נאָז, אײנער אויפ׳ן שטערן. די טראָפּענס קײַקלען זיך שווער, גיבען אַ פּאַטש אין אַלטען פלײש און צופליסקען זיך, און די קינדער קאָנען זיך נישט אײַנהאַלטען פאַר געלעכטער:

— אַ האַם טראָפּעלע, אַ האַם, נעזעלע...

אַז עס הויבט אָן ווערען טונקעלער אין שטוב און די גריל מאַכט קלענערע הפסקות צווישען איין קלאַג און צווייטען, נעהמען זיך די קינדער דערנעהן, וואו ערגיץ, זי בעהאַלט זיך. לאה׳קע זוכט די אַבגעריסענע מיטעלען פון קיטען מיט די שוואַרצע קיטל־

קעהרער אויף זיי, און קוקט לאנג אין שווארצען תהום, וואס האט קיין אנהויב און האט קיין סוף. ירמקע קריכט אריין אין שווארצען חלל אונטער'ן פריפעטשיק, וואס איז געמאכט געווארען אהן א ציל און צוועק און ציהט זיך ערגיץ אהן א ציל און צוועק. איניג ווייניג שמעקט מיט פינסטערניש, אנגעבראכטע בגדים און מייוען נערוך. ירמקע שרייט אפויר מיט א פערדומפטען קול, ווי א קוי־מענקעהרער און די גריל ווערט שטיל, אבער נאר ווי ער קריכט אפויר, הויבט זי ווידער אן איהרע טרויעריגע קינות און ווערט גארנישט מיד. די נאכט ציהט זיך לאנג, שלאפען גלוסט זיך נישט, און די קינדער הויבען זיך אן שפילען—אמאל אין יאגעלעך, א מאל אין בהעלטעניש, אבער עס ווערט זיי באלד מיאוס. ירמקע ווייסט פריהער אז לאה'קע וועט ארונטערשטעקען דעם קאפ אונ־טער'ן קישען, און לאה'קע ווייסט פריהער, אז ירמקע וועט אריינ־קריכען אין חלל הינטער'ן פריפעטשיק. זיי גלוסט זיך גלייך אויפ־הערען. נאר די אלטע הויבט אן געדיכטער ברומען, די קינדער פערדריסט, שרייען זיי:

— פע, אלטע……, פע!

און יאגען זיך נאך א ביסעל, ביז זי ווערט שטיל, און זיי הערען אויף. זיי זעצען זיך אוועק ביים טישעל, איינער גענגען צוויי־טען, שפארען אן די עלענבויגען אין עק טיש, נעהמען די פנימ'־לעך אין די דלאניעס און קוקען שטום מיט גרויסע, טרויעריגע אויגען איינער אויפ'ן צווייטען, קוקען, קוקען, ביז די פיס לאזען זיך מיד אראב, און זיי דרעהען זיך אום צו די שווארצע שויבע־לעך און בעטראכטען זייערע טונקעלע שאטענס.

פרייטאג פאר־נאכט קומען טאטע־מאמע געפרוירענע, מידע און אויסגעבויגענע. די מאמע שטעלט אוועק א פאר חלבנע גראַ־שיגע ליכטלעך אין צינערנע לייכטערלעך. דער טאטע דרעהט זיך ארום און זאגט לכו נרננה פראסט, אהן א ניגון, ווי מ'צעהלט ארבעס. די מאמע געהט צו צו דער קנויל, פאטשט מיט די הענד, קרעכצט זיך פון שפייען און שרייט:

— רבונו של עולם שוין דריי און נייניציג יאהר—און א ביזן לעבעניש דערויף. זי וואשט, פליסקעט, ווי מ'רייבט עפיס אנ'אל־טען חפץ, א פערדארטען בעזעם און דאס געלייטע בעשעפעניש גיט נישט קיין ריהר מיט קיין אבר, גיט נישט קיין שאקעל מיט'ן אויג, נאר גלאצט אויף איהר וועשערין מיט פערגליווערטע אויגען. שבת

ביימאָג איז אין שטוב נאָך טרויעריגער און שטילער. אַ גאַנצע ווינטער-נאַכט שלאָפען זיי — טאַטע-מאַמע — און, ווי נאָר מ'עסט אָפּ, און מיט בענשען ליגען זיי שוין אויף די בעטען און שנאָרכען איינער נאָכ'ן צווייטען — דער טאַטע אַ העכערע, די מאַמע אַ שוואַבערען — אַזוי געדיכט און שווער, אַז אַט, אָט, דוכט זיך, ווערען זיי דערשטיקט. די קינדער זיצען ווידער שטיל, בעטראַכטען די גרויסע שטיוועל, וואָס וואַלגערען זיך נעבען די בעטען, און פערשטעהען נישט, וואָסער מין מענשען זענען דאָס די „גרויסע“, וואָס שטענדיג וואָלטען זיי געשלאָפען און געשנאָרכט. שבת-צו-נאַכט פּאַקט מען אויף די פּעקלעך, טאַטע און מאַמע זעצען זיך אויף קליינע בענקלעך און ציפּען אין בינטלעך חזיר-האָר שנעל און געדיכט:

— נטע, אַ ווייבע?

— ניין, שפּרינצע, אַ האַרטע...

זומער איז אַ ביסעל פריילעכער — עס איז וואַרעם, ליכטיג. אָבער ס'ווערט אויך שרעקליך אומעטיג. ירמקע און לאה'קע געהען צום זאַמד. אויפ'ן שפּיץ באַרג, ירמקע קריכט אַרונטער אין גרוב, בעהאַלט זיך אונטער'ן זאַמדיגען אונטערגעגראָבענעם דעכעל און שרייט מיט אַ פערדומפּטען קול:

— לאה'קע, וואו בין איך, לאה'קע?

אָבער די טעג ציהען זיך אַזעלכע לאַנגע, דאָס גראָז איז שיטער, געל, ווי אָבגעברענט, קיין בלומעל זעהט מען נישט. די פּאָר ביימער, וואָס ליגען צעוואָרפען איבער די געלע אָבגעריסענע בערגלעך, זענען אויסגעבויגען, איינגעהויקערט, דורכגעלעכערט פון דונערען און אַלט, שרעקליך אַלט. אויף טייל פּעוויינצען זיך תחילת זומער איינצעלנע קנאָספּען, נאָר איידער זיי צובליהען זיך, וועלקען זיי שוין. די צווייגען זענען דאַר, און ירמקע קאָן בשום אופן נישט אויסאַרבייטען אַ פּייפעל. ווי נאָר ער גיט אַ קלאַפּ מיט'ן קניפּערל אין צווייג, קנאַקט גלייך די הויט לענג-אויס. דאָס שפּילען זיך אין בעהעלטעניש ווערט אויך צוגעגעסען. אָבער אַמאָל און ווידער אַמאָל בעהאַלט זיך לאה'קע אונטער'ן קעמערל און ירמקע אין זאַמד-גרוב. מ'וויים שוין פריהער-אויס, וואו מ'ליגט און מ'שלעפּט פויל די פיסלעך און מ'שטויבט מיט'ן זאַמד. אַרום איז פּוסט — קיין צוימעל, קיין פּלויטעל, נאָר באַרג און זאַמד, זאַמד און באַרג. אַמאָל ברענגט זיך צו שלעפּען אַ פערזאַמדיגטער גוי מיט

אַ ווענעלע, שוין אין אַ ביסעל זאַמד און לאָזט נאָר איבער נאָך זיך אַ טיפע אויסגעשניטענע קאָליע און אַ ביסעל פערדיש מיסט. אין הייזעל זשוזשען פליגען אָהן אַ שיעור אַרום דער קנויל. זיי וואוינען אויף דער אַלטער'ס צואַקערטען פּנים, פּרוּפּפערען זיך, רייניגען זיך, זויגען איהר טויט בלוט און צאָהלען איהר אָב מיט געדיכטע שוואַרצע פינטלען. נאָר די אַלטע ריהרט נישט מיט קיין אבר, שאָקעלט נישט מיט קיין אויג, נאָר גלאָצט אויף די זשוזשענדינע בעשעפּעניש'ן מיט פערגלייווערטע אויגען.

נאָר קומט אָן הערבסט אויף די „נירקעס" ווערט אַ גאַנץ אַנדער לעבען ביי נטע'ן אין הייזעל.

אין דער צייט, נאָך סוכּות, האָט נטע יאָהרצייט נאָך זיין טאַטען. דער טאַטע זיינער איז געשטאָרבען מיט אַ שרעקליכען טויט — ער איז פערברענט געוואָרען פון אַ דונער, צוזאַמען מיט זיין הייזעל. נטע האָט דעריבער זעהר מורא פאַר זיין געשטאָרבענעם טאַטען און באַלד נאָך סוכּות ליגט איהם שוין דער יאָהרצייט אין קאָפּ, מיט'ן קבר אבות אין שטעדטעל. ער איז קיינמאָל נישט זיכער מיט'ן טאָג, עפּיס געדענקט ער, נאָך סוכּות — אַ דינסטאָג, נאָר געניי ווייס ער נישט, ער קאָן זיך נישט אויפ'ן לוח און ער קומט אַהיים נעכטיגען צו זיך אין דאָרף:

— אַ קשיה אויף אַ מעשה, מ'קאָן זיך אַמאָל פערגעסען ביי אַ גוי אין שטאַל און דורכלאָזען יאָהר-צייט.

פאַרטאָג, ווען דורך די שויבעלעך קוקט נאָך אַריין אַנ'אמת'ע שוואַרצע נאַכט און מ'קאָן נישט וויסען, וואָסער שעה עס האַלט כאַפּט זיך נטע אויף און רעדט אַריבער צו שפּרינצע'ס בעט, וואָס שטעהט נעבען זיינעם ווי אַ געכּתיבה'טע דלת:

— וואָס זאָגסטו, שפּרינצע, דאַכט זיך, אַז נאָך דריי טאָג— דינסטאָג „מערטשיגם" — דאַרף מען פאָהרען אויף קבר אבות?

— ניין, נטע—ענטפערט שפּרינצע ווייך און פיהלענדיג—ניין, נטע, ערשט אין דער נאַכט אויף מיטוואָך. ב'געדענק נאָך, ווי היינט. מ'איז צוריק פון דאָרף און דאָס אומגליק איז שוין געווען — פער'שרפ'עט, פערברענט—הוילע ביינער, אַ גרויל נעהמט אָן.

אַ ווייַלע איז שטיל, מוראַ'דיג נאָר באַלד הייבט שפּרינצע ווידער אָן:

— גלייבער איהם, נישט ערגער ווי ליגען אין אַזאַ מצב און פוילען לעבעדיגערהייט.

— רעד נישט אזוי — ענטפערט נטע ברוגז—רעד נישט אזוי. מיין טאטע... אין טאג פון יאהר־צייט איז די מאמע ווייך און מילד, ווי אין יום הכפור, ווען זי גיט אלע מאל פולקעס.

זי וואשט די אלטע, נישט ווי אנ׳אלטען חפץ, נאר ווי מ׳איז מטהר א טויטען—מיט מורא און דרך ארץ און שרייט איהר אין די אויערען:

— שווינגער, איהר ווייסט—היינט דעם שווער׳ס יאהר־צייט— שווינער, איהר נעדענקט די שרפה?... די אלטע ריהרט זיך גאר־נישט און גלאצט מיט פערגלייווערטע אויגען אויפ׳ן ברענענדיגען קנויטעל, וואס שאקעלט זיך אויפ׳ן פריפעטשיק.

צומארגענס קומט נטע צוריק מיט עפיס א הייליגקייט, ערנסט און יום־טוב׳דיגקייט אויפ׳ן פערגרעכטען פנים. ער איז געווען צו שוי יודען, געטרונקען לחיים און ער פיהלט זיך, ווי אין ימים נוראים. מיט איהם געהט ליביש גלעזער מיט׳ן קעסטיל גלאז אויף די פלייצעס און שלעפט די פים אין זאמד. יעדעס יאהר מוזען ווערען איבערגעבראכען א פאר שויבעלעך באטיש, ווי מ׳זאל נישט היטען אין זייענדיג אויף קבר אבות נעהמט נטע מיט לייביש גלעזער מיט זיך. לייביש בלייבט נעכטיגען און שפרינצע פארעט זיך מיט דארפישער ערנסט לכבוד אנ׳אורח. נטע ברענגט מיט א רעשט פון פע־ציגסטעל און א פאר אייער־קיכלעך, וואס ער האט געטיילט אין בית המדרש און טרינקט לחיים. ירמקע און לאה׳קע זיצען שטיל אין א ווינקעלע, נוגען אוים די גלעזלעך — שעמען זיך זעהר פאר׳ן מענש אין ס׳איז זיי זעהר גוט. זיי גיבען בגניבה א קנעט אין קיט, נעהמען ארוים שטיקלעך גלאז, אויף מעסערלעך, און הערען זיך צו מיט מויל און אויערען צום גלעזערס ווערטער.

— כא, כא, כא,—זאגט לייביש—דו ווייסט גארנישט, נטע וואסער טאטען דו האסט געהאט. א טייערער יוד געווען. א פראס־טער נאר א טייערער. געקומען אין שטאדט—ס׳ערשטע געווען די שענסטע נדבה. נידאווענט אליין די היים מצמרות. א טייערער יוד געווען.

אין שטוב איז ווארעם, ליכטיג. דער טאטע זיצט אין דער קאפאטע און אין שטיוועל, נישט ווי שטענדיג. די מאמע דער־לאנגט גרויסע שיסלען און די טאנסלייט עסען בנעימות׳דיג, גע־לאסען און לאזען איבער.

— נישטאָ קיין פּח, קיין עין הרע.

שפּרינצע פּרײַגלט, בעט עסן, גיט די קינדער אין די פֿאַרצעלייענע שיסעלעך אין מיט בלעכערנע לעפֿעל און די קינדער האָבען מורא אַ היכלען זיך צו טון. דער קנויטעל שאָקעלט זיך לײַכט אויפֿ'ן פּריפּעטשיק און די אַלטע ליגט אויפֿ'ן רוקען רײַן אין אַ ווײַס העמד און גלאָצט אויפֿ'ן טיש און אויף לייבושיען.

ווער ווייסט, אפֿשר האָט זי אויך עפּיס צו דערצעהלען וועגען געשטאָרבענעם — ווי גוט ער האָט זי בעהאַנדעלט, ווי ליב ער האָט זי געהאַט — אפֿשר נאָר, ווי ר'האָט אויסגעזעהן חתן־ווײַז און ווי אַזוי ער איז רויט געוואָרען בײַם בעדעקענס — נאָר זי ליגט רוהיג אויפֿ'ן רוקען, ניט נישט קיין דיהר מיט קיין אבר׳ קיין שאָקעל מיט אַנ'אויג און גלאָצט מיט פֿערגליווערטע אויגען, ווי מענשען זיצען און רעדען.

■ ■
■

„די רויזען! די רויזען!"

דראמאטישע פאעמא אין 1 אקט.

— פון —

יצחק קאצענעלזאהן.

פערזאנען:

גאלדע פינק און צוואנציג יאהר אלט.

פייגע א זיבעצען-יאהריג מיידעל.

שווארץ פינק און דרייסיג יאהר אלט.

דוד זיין ברודער, צוויי און צוואנציג יאהר אלט.

סצענע:

אויף א זומער-וואוינונג: א ריין דארפיש הויפעל, אין דער מיט שטעליכע אלטע פיל צווייגיגע ביימער. נאהענט צו דער אוואנס-צענע, אנגעלעהנט צו א בוים — א באנק. רעכטס א ווערענדע, דורך וועלכע מ'קומט ארײן אין דער וואוינונג. נאך דער ווערענדע אנ'אפען פענסטער אין הויף ארויס. דאס הויפעל איז ארומגעצוימט מיט א ווייסען פלויטעל. אין פלויטעל איז דא אנ'אפען טירעל. נאכ'ן פלויט זעהען זיך: דער שאסע און דער ברייט און ווייטע, זאטע פעלדער.

זומער, אכט אין דער פריה.



ערשטע סצענע.

פייע (זיצט אויפ'ן באנק, מיט דער פלייצע צום ווערענדע. דעם קאפ אראבגעבויגען און שרייבט עפעס אויף א פאפיר מיט א בליי-פעדער)

דוד (קומט ארויס רעכטס אויף דער ווערענדע, לויפט אנגעטון, קומט צו איהר צו שטיל, גנבה'ש, קוקט זיך איין, איבער איהר אקסעל אינ'ם פאפירעל, בעפאלט, איהר און לאפט עם ארויס.)

פייע (לאפט איהם ביי דער פערמאכטער האנד) אז איהר ווילט האט איהר זעהר א שטילען גאנג! —

דוד אויפ'ן זאמד איז עס גאר קיין קונץ נישט...

פייע (גיט שוואך א גלאפ מיט'ן פוס אין דער ערד) מיך דערהערט איהר אלע מאל, ווען איך קום נאר צו.

דוד (שמייכעלט) הערען הער איך עס נישט — דאס הארץ זאגט מיר, — וואס האלט איהר מיר די האנד?

פייע דאָס פּאַפּירעל ניט אָב!

דוד איך וועל עס אײַך אָבגעבען.

פייע שוין יעצט!

דוד איהר ווילט נישט איך זאָל עס לעזען?

פייע איך וויל נישט!

דוד (רײַסט זיך פון איהר אַרויס, דרעהט זיך אַ ביסעל אויס אָן אַ זײַט און נעהמט פונאַנדערנעהמען דאָס פּאַפּירעל.)

פייע (אונטער איהם) דוד!

דוד (וויקעלט אַליין פונאַנדער דאָס צעקנײַטשטע פּאַפּירעל.)

פייע (בלײַבט שטעהן פאַרלוירען מיט טרערען אין די אויגען, דרעהט זיך אום און ענטלויפט.)

דוד (שרײַט איהר הויך נאָך) פייע! פייע!

פייע (שטעלט זיך אָב.)

דוד נאַ'ט, איך גיב עס אײַך אָב, פייע!

פייע (קומט צוריק מיט אַ ביסעל אַראָבגעלאָזטען קאָפּ. ברוגז, פערשעמט, נעהמט צו פון איהם דאָס פּאַפּירעל)

דוד (בעמערקט איהרע אויגען.) איהר האָט שוין געוואָלט וויינען,

פייע מעהר וואָלט אײַך נישט פעהלען איהר זאָלט עס לעזען!

דוד וואָס וואָלט געווען?

פייע איך וואָלט מיט אײַך מעהר נישט גערעדט...

דוד נו!.. וואָס האָט איהר עס דען דאָרט אײַנגעשריבען?!

פייע (האַלב שמײַכלענדיג) נאָכדעם ווי איהר האָט עס שוין געהאַלטען — ? נו, וויל איך אײַך נישט זאָגען!

דוד צו מיר איז עס! צו מיר אַ בריוועל!

פייע (צערײַסט עס שנעל אויף שטיקלעך) נישט וואָהר! נישט וואָהר!

דוד (נעהמט זי יאַר דער האַנד, פיהרט איהר צו רעכטס צו דער וואַנד, וואו אויף דער ערד בײַ אַ בוים) איהר זענט דאָ געווען!

פייע (פערוואונדערט) ווען?

דוד הײַנט פריה! וואָס איז עס פאַר אײַן אות?

פייע (קלערט אַ ביסעל פערשעמט) „פ".

דוד (לעזט איהר נאָך) פֿייע!

פֿייע פֿאַר-וואָס שלאָפֿט איהר אַזוי שפּעט!

דוד אַ זײַגער פינף זענט איהר דאָ געוועזן?

פֿייע פינף — ?

דוד אום זעקס בין איך שוין געוועזן אויף.

פֿייע אום זעקס! אום זעקס האָב איך שוין געהאַט צוויי קריג־לעך מאַלינעס אָנגעקליבען!

דוד צוויי?

פֿייע איין קריגעלע האָב איך פֿאַר אייך מיטגענומען׳ איהר האָט דאָך געוואָלט אַמאָל מיט מיר מיט־געהן נאָך מאַלינעס.

דוד אַזוי פריה!

פֿייע וואָס פריהער—זענען די מאַלינעס פרישער... איהר איהר ווייסט עס נישט?

דוד איך האָב עס נישט געוואוסט.

פֿייע איהר זעהט—פֿון אַ סך זאַכען ווייסט איהר נישט! — ווען ווערען זיי צייטיג ווייסט איהר?

דוד אום פינף!

פֿייע איהר ווילט טרעפֿען—ווען פֿאַלט אויף זיי בהוי?

דוד אום פֿינף...

פֿייע (לאַכט) וואו דאַרף מען זיי זוכען?

דוד טיף אין די וועלדער.

פֿייע איך זעה אַז איהר ווייסט נישט—נאָר איהר טרעפֿט...

דוד (לאַבּערינג) אום פינף! אום פֿינף! (פֿאַלט איהר האַנד אין זיי־נע, האַלט עס בײַ די ליפּען) זאָל איך? זאָל איך?

פֿייע (בּעמערקט ווער־קומט, רייסט אַרויס די האַנד) דוד!

דוד (קוקט אויף צום וועג) מ׳גייעהט... צו אונז!

צווייטע סצענע.

גאָלדע (קוקט אַרויס הורבּ׳ן בּירעג פֿון פֿלוס, קוקט אַרום דאָס הויפּע־ ווי זי וואָלט וועמען זוכען און וועלען דערקאָנען)

דוד (גײעהט צו נעהנטער) גוט מאָרגען, גאלדע!

פייע (שטעהט אָן א זײט און בעטראַכט גאָלדע׳ן)

גאלדע (דערזעהט איהם) אַט איז ער, דוד! (לאָזט דעם שירם פאַלען אויף דער ערד, דריקט איהם מיט ביידע הענד זײן האַנד) סוף כל סוף!...

דוד (רופט אויס צו דער ווערענדע) שוואַרץ!

גאָלדע (ווײל איהם אָבהאַלטען) וואַרט!... ער איז דאָרטען? — אָבער זעהט, זעהט איך האָב צו אײך געטראָפען!

דוד איהר קומט ערשט פון שטאָדט?

גאָלדע איך בין שוין דאָ פון פינף!

דוד (מיט גרויס וואונדער) פון פ י נ ף?!

פייע (תיכף געהן)

דוד וואַרט אויף, פייע...

גאלדע פון פינף, דוד... איך דרעה מיך אַלץ אַרום—איך קען דאָך אײך: איהר שלאָפט געווים אין דאָרף אויך שפעט?—

דוד ווי אַמאָל... וואו האָט איהר עס ביז איצט אַרומגעבלאָנדזעט?

גאלדע אומעטום... איך קען שוין אײער וואַלד—דוד...

דוד דעם וואַלד!

גאלדע געוועזען דאָרט, פערזוכט אײערע מאַלינעס!...

דוד (א ביסעל וואונדערליך) איהר קלײַבט א ו י ך מאַלינעס!

גאלדע ניין... צום ק ל ײַ ב ע ן האָב איך שוין קײן געדולד נישט; איך רײס און עס, רײס און עס!...

דוד (קוקט איהר אָן, נאָכדענקענד) איהר רײסט און עסט — א סך מאַלינעס אין אונזער וואַלד, גאלדע?

גאלדע עס האָט מיך נישט זאַט געמאַכט... אײנציג־ווײַז האָב איך זײ געשלונגען און געקומען צו אײך אַ הונגעריגע...

דוד א, פוי! אונז וועט איהר שוין הונגעריג נישט אַרויסגעהן! (צו פייע׳ן וועלכע ווײל אַוועק) וואַרט, איך געה אויך, פייע... (צו דער ווערענדע) שוואַרץ! שוואַרץ!

גאלדע (כאַפּט איהם פאַר א האַנד) רופט איהם נישט!

דוד. ער איז שוין אויף, גאָלדע—,אַט!

שוואַרץ (שטעקט אַרויס דעם קאָפּ אין געעפענטען פענסטער, בעגריסט אַלעמען שטום)

דוד (שוואַרצען) גאָלדע איז געקומען!

שוואַרץ (בעטראַכט די דוד'ן פענסטער, בעגריסט זי נאָך אַמאָל, נעהמט צוריק אַריין דעם קאָפּ)

דוד ער קומט שוין אַרויס...

גאָלדע (וואַרפט אַ קוק אויף פייען) איהר געהט אַוועק אויף לאַנג, דוד?

דוד (כאַפּט זיך שנעל ענטפערן) ניין, נישט אויף לאַנג.

גאָלדע איך פאָהר נאָך היינט צוריק —

דוד היינט? פאָהרט נישט גאָלדע: דער ברודער —

שוואַרץ (בעוויזט זיך אויף דער וועראַנדע)

גאָלדע איך פאָהר היינט צוריק!

פייע (נעהמט אַוועקגעהן)

דוד (מאַכט איך אַ בעוועגונג אַוועקצוגעהן) מ'וועט אייך נישט לאָזען, גאָלדע!... וואַרט, וואַרט, פייע, איך געה אויך. (יאָגט איהר נאָך, און פערשווינדט דורך דאָס מהויער'ל)

דריטע סצענע.

שוואַרץ (קוקט איהר אַ ווײַלע אָן פון דער וועראַנדע, געהט באַלד אַראָב, דריקט איהר האַרציג די האַנד) איהר זענט געקומען, גאָלדע!

גאָלדע אום פינף!

שוואַרץ (פאַר וואונדער) אום פינף — ! פאַר וואָס האָט איהר נישט אָנגעקלאַפּט אין פענסטער?

גאָלדע איך וואָלט דאָך אייך בײַדע אויפגעוועקט...

שוואַרץ נאָר מיך, נאָר מיך!... דיר שלאָפט האַרט. (פויזע)

גאָלדע (בעטראַכט איהם לאַנג שווײַגענדיג) שוואַרץ!

שוואַרץ (דאָס אַ ביסעל צופרידענע געזיכט בײַט זיך פון מאָמענט, ער ווערט ערנסטער, שווײַגענדיגער, קוקט איהר אָן, ערוואַרטענדיג וואָס —)

גאלדע (קוקט פערשטיינערט אויף זיין געזיכט — ברעכט פלוצלונג אויס אין א פערצווייפעלטען טאָן) שוואַרץ!

שוואַרץ (טרויעריג ערנסט, רוקט זיך אויף א טריט אָב פון איהר.)

גאלדע (כאַפּט איהם פאַר בײדע הענד, ציהט זיך צו איהם צו מיט בײזנ־לײַדענדע אויגען) וואָס ווילט איהר פון מיר האָבען!

שוואַרץ (אַ ביסעל שולדיג, אַראָבגעפאַלען און שמערצהאַפט) גאלדע —

גאלדע (לאָזט איהם גאָרנישט זאָגען) שווייגט! שווייגט! (פאַלט צו מיט'ן פנים צו זיין ברוסט, פערשטיקט דאָס געוויין אין די טרעה־רען; לאָזט איהם פלוצלונג אָב און לויפט מיט אַן'אַראָבגעלאָזטען קאָפּ שנעל אַריין אין שטוב דורך דער וועראַנדע)

שוואַרץ (בלייבט אַזוי שטעהן אַ לאַנגע צייט, נישט אומקערעוודיג זיך אפילו, זעצט זיך דערנאָך אויף דער באַנק)

גאלדע (קומט אַרויס צוריק, דאָס פנים בעהאַלטען אין אַ בוקעט ווייסע רויזען, זי שטעהט אַ ווײַלע אויף דער וועראַנדע, געהט דער־נאָך אַראָב, קומט צו צו שוואַרץ'ן, שטרעקט איהם דעם בוקעט צום געזיכט)

שוואַרץ (שמעקט, זיצענדיג מיט איין אויפגעהויבענעם קאָפּ, קוקענדיג קלאָר אויף גאלדע'ן)

גאלדע וועמעס זענען די רויזען, שוואַרץ?

שוואַרץ מײַנע.

גאלדע (שמעקט זיי) זיי זענען שוין לאַנג בײַ מיר!

שוואַרץ א מעת־לעת.

גאלדע (זעצט זיך נעבען איהם) זיי זענען נאָך פריש...

שוואַרץ (אַ ביסעל פערטראַכט, דערמאָנט זיך פלוצלונג, בויגט איין דעם קאָפּ צו די רויזען... שמעקט זיי) אום—הו... פריש..

גאלדע (ווייל זיי איהם געבען) נעהמט זיי!

שוואַרץ (נעהמט פון זיי אַוועק דעם קאָפּ) האַלט א י ה ר זיי, גאלדע.. פאַר וואָס ווילט איהר מיר זיי אַוועקגעבען?

גאלדע איך זעה: איהר בויגט אַזוי איין דעם קאָפּ צו זיי...

שוואַרץ (קוקט אויף איהר א ווייל) שטעקט אייך איינס אין דער בלוזע.

גאלדע אויף דער ברוסט מיינט איהר?

שוואַרץ (שמייכעלט איהר אָפּען אָב) אום—הו!... איך בין דא אויף

דער פּרײַער לופט, געוואָרען אַ שטיק שאַרלאַטאַן...

גאָלדע עפּעס דערקען איך – –

שוואַרץ (שטעלט זיך אויף און ציהט אַביסעל אַראָב די וועסט) פון דער ווײַטער וועסט אוודאי?...

גאָלדע (קוקט אויף דער וועסט) נו, פון דעם אויך... (ווייל איהם געבן דעם ביקעט)

שוואַרץ זי געהט מיר נישט, גאָלדע, איך ווייס... די רויזען אויך נישט. גיט זיי מיר נישט!

גאָלדע נעהמט, איך וויל אײַך נור אָנקוקען ווי זעהט איהר אויס מיט זיי...

שוואַרץ קאָמיש, גאָלדע...

גאָלדע (בוינט אין דעם קאָפּ אַויפ'ן בוקעט) ווי האַלט איך זיי?

שוואַרץ גוט, גאָלדע, גוט! אַזוי דאַרף מען האַלטען רויזען: צום ברוסט, נאָר צום ברוסט — און אַביסעל אָנגעבויגען אויף זיי דעם קאָפּ. (פּויזע, קוקט אויף איהר)

גאָלדע (ווידערהאָלט שטיל) און אַביסעל אָנגעבויגען אויף זיי דעם קאָפּ...

שוואַרץ יאָ... יאָ...

גאָלדע (הויבט צו איהם אויף די אויגען) שוואַרץ — (זעצט זיך פּלוצלינג, מיט אַ פּרישען פּעראינטערעסירענדען טאָן) זיצט, איך וויל אײַך עפּעס פרעגען —

שוואַרץ (זעצט זיך נעבען איהר אויף דער באַנק)

(פּויזע)

גאָלדע איהר וועט מיר זאָגען דעם אמת?

שוואַרץ אָה, ווען איך זאָל קענען אָבזאָגען גוט און גלאַט אַ ליגען...

גאָלדע וואָס איז עס היינט מיט אײַך (מיט אַ לײַכטען בטול) ערנסטער, ערנסטער, שוואַרץ! — טראָגט מיר גאָר אַרויס אַ גלאָז וואַסער.

שוואַרץ (שטעהט אויף ווייל אַרײַנגעהן צו זיך)

גאָלדע (גיט איהם אָפּ דעם בוקעט) נ'אַט, וועט איהר זיי דאָרט צוריק אַרײַנשטעלען אין דער וואַזע.

שוואַרץ (נעהמט זיי און געהט מיט זיי אַרויף אויף דער וועראַנדע אין זײַן וואוינונג)

גאָלדע (בויגט טיף דעם קאָפּ אין די הענד, אַ פערזאָרגטעס שמייכעלנדיגען).
(לאַנגע פּויזע)

שוואַרץ (קומט צוריק מיט אַ גלאָז קאַלט קלאָר וואַסער, ער שטעהט פאַר איהר אַ געוויסע צײַט מיט דעם וואַסער. זי בעמערקט איהם נישט גאַנץ שטיל.) גאָלדע —

גאָלדע (הויבט אויף איהם אויף די אויגען) אַה! (נעהמט דאָס וואַסער און טרינקט העלפט)

שוואַרץ (זעצט זיך אויף דער באַנק נעבען איהר)

גאָלדע (פלוצלינג, אין מיטען טרינקען) מיט יאָס געפעלט איך אײַך היינט נישט, שוואַרץ? (קוקט איהם אָן מיט אַ קוים טרויריגען שמייכעל)

שוואַרץ (לאַכט, ציהענדיג די ווערטער) וואָס זאָל איך אײַך זאָגען — איהר געפעלט מיר זעהר נישט!

גאָלדע (ענדיגט טרינקען דאָס וואַסער.)
(פּויזע)

גאָלדע איהר ווילט וויסען צו ס'האָט אײַך געראָטען דער ליגען? (זי שטעלט אַוועק דאָס גלאָז) איהר קענט נישט, שוואַרץ, איהר קענט גאָר נישט!

שוואַרץ (ווי פריהער) איהר געפעלט מיר זעהר נישט.. — דאָס היטעלע אפשר — טהוט איהר גאָר אויס!

גאָלדע און דעם שירם אַוועקשטעלען — ?

שוואַרץ אָ, אָ,!

גאָלדע נו, און וואָס נאָך?

שוואַרץ אָט וואָס: מ'שטעלט דאָ אונטער דעם בוים אַרוים אַ טישעל, און מען פריהשטיקט; מילך האָב איך, גאָלדע, און זעמעלעך.. איה ווער עסען?

גאָלדע איהר לאַדט מיך אויף פריהשטיק?

שוואַרץ אויף פריהשטיק, אויף מיטאָג, אויף נאַכט-עסען, גאָלדע—

גאָלדע און מאָמער וויל איך שוין צוריקפאָהרען וועט איהר מיך אַוודאי נישט לאָזען?

שוואַרץ וואָס הייסט?

גאָלדע גאָר נישט, גאָר נישט...

שוואַרץ נאָר נישט רעדען קיין נאַרישקייטען...

גאָלדע איהר זענט היינט „סטראַשנע” אויפגעלעגט... איך האָב אײַך נאָך קיין מאָל אַזוי נישט געזעהן.

שוואַרץ מעשה-שטיפער, אַ יאָ?

גאָלדע וואָס איז מיט אייך די שׂמחה, שוואַרץ?
שוואַרץ ציהט מיר ניט פאַר'ן צונג!...
גאָלדע זאָגט אויס, זאָגט אויס, שעמט זיך ניט...
שוואַרץ איהר ווילט אַפּנים, פון מיר הערען דאָס ליד פון פריה-לינג? — ס'וועט אייך אָבער זיין לאַנגווייליג...
גאָלדע וועל איך אייך אָבשטעלען אין מיט'ן, שוואַרץ...
שוואַרץ איהר וועט ניט קענען...
גאָלדע אַזוי גאַר!
שוואַרץ איהר וועט ניט קענען, גאָלדע!
גאָלדע אַ נו, פּרובט —
שוואַרץ ס'וועט אייך זיין אונמעגליך —
גאָלדע אונמעגליך אייך אָבצוהאַלטען?
שוואַרץ כ'האָב געקראָגען אַזאַ ליבע צום לעבען! קיינמאָהל זענען מיר די אויגען נאָך אַזוי קלאָר ניט געווען, זיי האָבען זיך ברייט געעפענט פאַר יעדען פערוואָרפענעם שטראָהל, פאַר יעדעם ציטריג גרעזעל... פאַר אַלעם! פאַר אַלעם!
גאָלדע אַך ווייַ, וויי!
שוואַרץ עפּעס האָט אַ דיק פערוויקעלט הייטעל איבער מיין האַרץ געפּלאַצט און פונ'ם האַרצען האָט אַ קיואַל אָנגע-הויבען שלאָגען, אַ קוואַל פון לעבען... זעהט, זעהט— די זון האָט זיך אויף דער ערד אויסגעגאָסען, מיליאָנען ווערימלעך בריהען זיך און טרינקען זיך אין דער ליכ-טיגקייט... רעדט מיך ניט צו — רעדט מיך ניט צו— איך קען טאַנצען אָנהייבען פאַר פרייד, טאַנצען איף דער צעגאַנגענער זון! —
גאָלדע (כאַפּט זיך ליכט מיט די הענד צו די אויגען) גענוג, שוואַרץ, גענוג!
שוואַרץ טאַנצען מיט צושפּרייטע אָרעמס, איהר הערט ווי עס זינגט און זומט אין דער לופט? ס'הערט גאַר ניט אויף! שטעל די אויערן אַז און הער, און ווער ניט מיד...
(פון אַ פרישען געדאַנק בעגייסטערט) הערט גאָלדע — !
גאָלדע (כאַפּט זיך ווידער פערשטעלט די אויגען) ניין, ניין!...
שוואַרץ איהר מוזט מיך אויסהערען! — אויך איהר גאָלדע... אויך איהר —

גאָלדע (אבּיסעל דערשראָקען) וואָס איך?

שוואַרץ זענט פאר מיר היינט מעהר קיין סוד נישט! איך פיהל אייך יעצט, גאָלדע, אין גאנצען... מיט אלע אייערע גלידער, יעדען ציטער פון אייערע מוסקעל'ן שפיר איך... איהר רייסט מיר אלץ איבער — איך וואָלט אייך אָבער יעצט קיינע א סך זאָגען, פריי און קוי ץ — (נעהמט איי איהרע הענד וועלכע ליגען אויף איהר שויס) גיט מיר אייערע הענד, און לאָזט מיר זיך אויסזאָגען —

גאָלדע איהר וויל עס דורכאויס?

שוואַרץ איך וויל, גאָלדע!

גאָלדע וועגען מיר טאקי?

שוואַרץ וועגען אייך!

גאָלדע (קוקט אויף איהם מיט אנ'אָפּען ועזבט) זאָגט!

שוואַרץ (קוקט אויף איהר פּנים) איהר זענט שעהן!

גאָלדע נו?

שוואַרץ גראַציעז!

גאָלדע נו?

שוואַרץ (שרייט כמעט אויס אין ענטציקונג) איהר זענט פול מיט לעבען, גאָלדע!

גאָלדע (קוקט אויף איהם ווי פריהער) —

שוואַרץ אָט וואָס איך האָב אייך געוואָלט זאָגען!

גאָלדע און שוין?

שוואַרץ עפּעס דאַרף איך נאָך דערזאָגען —

גאָלדע (ערנסט, ציהט דאָס וואָרט) ד ע ר ז אָ ג ע ן?

שוואַרץ (קוועט א ציה ציטערנדיג איהרע הענד צו זיך, וויל וואָס אַרויסזאָגען) גאָלדע —

גאָלדע (שטעהט אויף דערשראָקען פון באַנק, אינסטינקטיוו) איהר זאָלט עס נישט זאָגען!

שוואַרץ (כאַפּט זיך אויך אויף בלאַס פון זיין פּלאַץ, האַלטענדיג נאָך איהר פאַר די הענד) איך זאָג עס!

גאָלדע (רייסט אַרויס איהרע הענד, און לויפט פון איהם) איך וויל נישט! איך וויל נישט!

שוואַרץ (לויפט איהר נאָך, בלאַס, פערצווייפעלט) איך מוז עס אייך זאָגען, גאָלדע, איך מוז!

גאָלדע (אַנטלויפענדיג אַרום די בוימער, ווכט אין אַלע זייטען ווי צו ראַטע‍ווען זיך.) א — וויל נישט, שוואַרץ, איך וויל נישט!

שוואַרץ (נאָך איהר, ווי אין וואַהנזין, האַלב פאַר זיך) איך מוז, איך מוז אייך זאָגען! (דאָס דויערט אַ נעווייסע ווײַלע; אין גאָלדעס לופּען און אין שוואַרץ'ס נאָכיאָגען זי, שפּירט זיך איין אינסטינקטיווע שרעק)

פיערטע סצענע.

דוד (קומט אַן אין טיר'ל פון פּלויט, מיט אַ פרישען פּיקעט רויזען, בלייבט שטעהן פערוואונדערט אויף גאָלדען מיט שוואַרץ'ן)

גאָלדע } שוואַרץ (פאַרבלייבען שטעהן דערזעהענדיג איהם... קומען ביסלעכווייז צו זיך און הויבען אָן צו שמייכלען)

דוד (האַלב שמייכלענדיג) ווער לויפט און ווער דאַרף עס כאַפּען?

גאָלדע } שוואַרץ (הויבען אָן איינער צום צווייטען צו שמייכלען)

דוד (טראָגט צו צו גאָלדען דעם בוקעט) די רויזען געהערען אייך, גאָלדע!

גאָלדע (יוערט רויטלעך, פערוואַרפט די הענד אויף הינטער, וויל נישט נעהמען די רויזען)

